STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 12061

# YUDISHE KSOVIM FUN A VAYTEN KOREV

Micah Joseph Berdichevsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# יודישע כתבים

## פון א ווייטען קרוב

איבערגעגעבען צום דרוק על־ידי

מיכה יוסף בן גריון

נייע אויסגאבע

אין זעקס ביכער

אברהם יוסף שטיבל

ה ש

# יודישע כתבים

## פון א ווייטען קרוב

דריטער טייל

## קליינע מעשהלעך

בערלין תרפ״ד

אלע רעכט פארבעהאלטען

# קליינע מעשהלעך

# אינהאַלט

## צרות און יסורים:


דער קדיש . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 13
דריי חדשים . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 23
בקשות . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 30
סכסוכים . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 37
אָהן אַ שדכן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 43
זכות־אבות . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 49
אַ קניפּעל . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 52


## חזיונות און אַנדרעס:


איבערגעלעבט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 59
דער חלום . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 64
אַז סי רעדט זיך . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 68
דער חזן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 72
ראובן פּעסים . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 76
אונטער בלעד . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 78
אַ שיינע וועלט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 81
עסקים . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 84


## אופצייכנונגען:


זיך פאַרפּלאָנטערט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 89
דער דאָרפסיוד . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 91
אַ ציגאַר . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 94
פון טעפּ צו פּראָסע . . . . . . . . . . . . . . . . . . 95
איידעמס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 96
דער בעל־מחבר . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 98

איציקעל . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 100
אַף הוצאות . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 102

## פונ׳ם האַרצען:

קינדער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 107
דער נייער דור . . . . . . . . . . . . . . . . . . 108
עקשנים . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 111
פון דאָרטען . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 113

*

# צרות און יסורים

# דער קדיש

א בילד

אַ הולטאַי פון אַ יונג קומט צופאָרען און זעצט זיך אַנידער ביי מיר. אַ קרובֿם אַ זון. איך זאָג, וואָס גערט מיך אָן קרובֿשאַפט? זי אָבער, אַ יורענע, איהר באָבעס טאַטע האָט זיך אָנגעקערט מיט זיין עלטערזיידען, אלעזר שפרונג! און דאָס זיצט ביי מיר און עסט, שלאָפט נאָכ־מיטאָג, גאָרנישט, וואָס פעלט איהם? מיינער זאָגט ער אַ חניפה'לע, מיט מיר שפּילט ער פּאָליטיקע און פאַרשטעהט זיך ביי מיר אַריינצונאַרען... איהר פאַרשטעהט, קינדער האָט מען נישט, סקוטשנע איז אַביסעל, אַזוינער ביים טיש זאָגט אַמאָל אַ ווערטעל צי דערציילט עפּעס אַמאָל; אַז דער קאָפּ דרייט זיך מיר פון די קוויטעס, גיב איך איהם אָבצור־שרייבען, און מיינער לעגט צו קאָפּ — וואָס זאָל איך מיך פאַר איהם היטען? אַנ'אייגענער! אַז איך האָב צייט, גיב איך איהם אַ טאַפּ ביים רופּק. ברודערוניו, ווי שטעהט עס ביי דיר מכח אָבהיטען אַ קערבעל און צי ווייסט דו דעם טעם פון אַ קערבעל? אָ, אויב ער ווייסט, אַז ער רעדט מיר נאָך נאָכ'ן מויל... איהר פאַרשטעהט, אַ שטיקעל היינטיגער איז ער, און דער שטיינער איז פון היינטיגע צו זאָגען מוסר דעם בעל־עסקאָ — ער אָבער רעכענט די

פּראָצענטען און זאָל דאָס געבען אַ קנייטש מיט'ן שטערן, און ניט נישט אויס, וואָס איך גיב איהם. ביים עסען וויזט ער זיך נישט אויס, אַז ער האָט אַ זיידענע קישקע.

ער הייבט מיר אָן צו געפעלען. מיינע איז שוין גאָרנישט אָבצוגעוועהנען פון איהם, און זי זאָגט צו מ'ר: בערל, שרייב איהם צו צו דיר און לאָמיר האָבען אַ זון. גיב איך מיך אַ בייזער: וואָס הייסט צושרייבען? אַ יונגעל פון פינעף יאָר צי אַ קליין מיידעלע, וואָס מי קען זיי צוטשעפּען צו זיך און זיך איינרעדען, אַז מי איז זייער איינענער פאָטער און מוטער, שרייבט מען צו; אָבער אַ יונג פון ניינצען יאָר, וואָס באַדאַרף שוין באַלד שטעהן צום פּריזיוו... גיט זי אַ זאָג: טאַקי דערפאַר אַליין. פאַרוואָס זאָל מיין בלוט און פלייש געהן דינען? — אַי, ווי מעג מען דאָס אַ קינד צו־שרייבען, וואָס איז שוין עלטער פון צען יאָר, דאָס קען דאָך אַפילו דער גובערנאַטאָר אַליין נישט פּאָזוואָליען? — זאָגט זי: בערל, ביי אונז אין לאַריזשען גיט מען זיך שוין אַנ'עצה אָהן דעם גובערנאַטאָר... אַקיצור אַהין, אַהער, זיך טויזענד מאָל מישב געווען מיט זיך אַליין, וואָרום ביי מיר איז נישטאָ האָפּ־לאַפּ, און דאָ הייב איך מיר אָן צו זיך אַליין צו זאָגען: אַ גראָע באָרד קריגסטו, פאַרוואָס זאָל דאָס, וואָס דו האָסט מיט אַזוי פיל מיה צונויפגעלעגט, ווערן צעזייט און צעשפּרייט אַף שבעה־ימים? טו דאָס, וואָס דיין ווייב זאָגט דיר, און האָב אַ קדיש... דאָס הייסט, איך אַליין טראַכט נישט קיין סך וועגען אַזעלכע זאַכען, וואָרום אַז מי שטאַרבט און מי לאָזט איבער די אפּוטיקה

דאָ, און דאָרט דרייט מען זיך אַרום אין תּכריכים, וואָס האָבען אַפילו נישט קיין קעשענעס, איז דאָס איינערליי. אָבער זי מיט איהרע רעיונות און מיט'ן טיקען אין קאָפּ אַריין, אַז מי מוז האָבען אינזינען עולם־הבא... און לפלוג, אַז סי איז דאָ איינער, וואָס היט אָב יאָרצייט, וואָס קען דאָס שאַטען? פאַרוואָס קריכען אַזוי ווייט? אַז ער איז שוין ביי אונז איבער אַ יאָר, און מי געזעהנט זיך, און פאַר־לאָזען קען מען זיך אויך אַף איהם אַביסעל, און אַ קהלס־מאַן, אַ געריבענער יונג, ווערט דערפון געוואָר און קומט און רעדט מיר דעם שירוך... הונדערט רובל האָב איך גע־געבען די גנבים, אַ ריפּ פון האַרצען, אַחוץ מעקלעריי, אָבער אַז סי מוז אַזוי זיין, און כתוב־וחתום אין דער אופּראַווע, אַז איך, בערל מאָשקאָוויטש וואַלערניקאָוו האָב אַ זון, וואָס הייסט שמעון, אַנ'אמתער זון, וואָס איז מיר געבוירען געוואָרען אין אָט דעם און דעם יאָר. מיט'ן טאָג און מיט'ן חודש, און אַ מעטריקע — אייזען.

איהר פאַרשטעהט, דאָס איז נאָך פאַרשריבען אין די אַלטע ביכער פון צוריק מיט צוואַנציג יאָר, וואָס זענען שוין געווען אין דער רעוויזיע און זענען געחתמעט און גע־שטעמפּעלט. און אַז לייט, וואָס לעבען פון דעם, באַקומען ווינט, גיט מען דעם אַ פינפערעל און דעם אַ דרייערעל, און איינער אַ מוסר־יונג האָט פון מיר אויסגעריסען אַ גאַנץ צענערעל. צונויפגערעכענט אַלץ אינאיינעם, איז דאָס שוין אַ נייער הונדערטער, און דער טוט מער ווי ווי דער ערשטער, וואָרום ער איז פון צוביסלעך, און אילעמאָל מוז

מען אַרויסנעמען און יענעם אַוועקגעבען און ביי יעדען מאָל האַרט דאָס. און לייקענען וויל איך נישט, אַביסעל מרה־שחורהדיג בין איך געוואָרען נאָכדעם, וואָרום פריער, איידער איך האָב מיר אַריינגעבראָקט די מעשה, בין איך געווען ביי זיך אַ תקיף און איך האָב פאַר קיינעם נישט געהאַט קיין מורא, און אָדאָ מוז איך גוט זיין צו איטליכען. וואָרום סי פאַרשטעהט זיך אַליין, אַז גאַנץ לאַדיזשען ווייסט, אַז איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין זון, און קיינער קען זיך נישט דערמאָנען, אַז איך האָב אַמאָל געמאַכט אַ ברית. פאַר'ן פריסטאַוו האָט דאָס געהייסען, איך בין זיינער אַ פעטער, און צו יעדען נאָווינאָר האָב איך איהם געגעבען אַ היטעל בראָדסקים צוקער און אַ פונט טיי. דאָס האָב איך מיר אַליין אַרויפגעלעגט די טאַקסע.

און מיין יונג פילט זיך טאַקי היימיש ביי מיר, קיין לייריגע שאַפעס זענען ביי מיר ברוך־השם נישטאָ, און אין דעם אייזערנעם קעסטעלע, וואָס איז צען מאָל פאַרשלאָסען, ליגט אויך עפּעס... און קליידען מוז איך איהם כמנהג־הנגידים... און ער איז גאָר שוין אַ בעלן אַף אַ רוסישען און אַ פוילישען בוך: ניש־קשה, סי קען ניט שאַטען, אַז מי קען רעדען מיט אַ פריץ. — נאָר איינס איז מיר אַ פליאה, ער איז שוין נישט מער אַזאַ מתמיד אין איבערשרייבען און קאָפּירען... און אַמאָל, אַז איך האָב איהם געמוזט אָב־האַלטען אַ גאַנצען טאָג ביי מיר ביז שפּעט אין דער נאַכט, און איך האָב געמיינט, אַז ער וועט זיך פרייען, גיט ער מיר אַ זאָג: וואָס האַלט איהר אייך נישט אַ יונגעל?

אַזאַ חצוף! אַז איך וואָלט געווען זיין פּאָטער, וואָלט איך איהם דערלאַנגט אַ פּאַטש! נו, זאָגט־זשע אַליין, שלאָגען קען מען נישט אַזוינס און מי קען איהם אַפילו נישט זאָגען קיין וואָרט און על־פּי־מעטריקע איז ער ריין זון. און ביים עסען ציהט ער מיך שוין און רדייט און ליבּט דווקא גוטע פלייש און אַ סך. און אַמאָל האָב איך באַראַפט עפּעס האָבּען צו יואל רייטש מכּח אַנ׳עסק, גיב איך אַ קוק: מיין יונג זיצט אין ווינשענק אין אַ פּראָסטען מיטוואָך בּיי אַ פלאַש וויין. איך זאָג אייך, איך האָב געמיינט, אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען, און אַז איך בּין געקומען אַהיים, האָב איך מיך אָנגעהויבּען צו גריזען מיט מיין ווייבּ, אַז מיר גריזען זיך נאָך. זי האָט מיר אָנגעהויבּען זיך מורה־ומתוודה זיין, אַז ער הייבּט איהר נישט מער אָן צו געפעלן. עפּעס איז דער שמעון ווי איבּערגעבּיטען געוואָרען די לעצטע צייט. איינמאָל האָט זי נאָכגעקוקט פאַרנאַכט, אַז ער האָט נישט געדאַווענט, און געזאָגט האָט ער, אַז ער האָט יאָ געדאַווענט. איהר פאַרשטעהט, בּיי איהר איז דאָס גאָר קיין קאַטאָוועס נישט און בּיי מיר אויך אַזוי: אַז מי געהט אַרויס חוץ־לגדר, שאַדט עס אויך צום מסחר. מילא, אין זאַכען פון בּין־אדם־למקום, זאָל זיך גאָט אָנ־נעמען זיין קריוודע, אָבּער וויין, אַ זולל־וסובא און נאָך פאַר געלד, פאַר מיין געלד!

רעדט צו איהם מיט גוטען, צי מיט בּייזען, סי איז ווי אַרבּעס צום וואַנט. מיין יונג ווערט ערגער און ערגער. טוט נישט פון דער האַנד אין אַ קוואָרט וואַסער, געהט אַרום

פוסט־און־פּאַסט, רייבערט זיך דעם גוטען ציגאַר טיטון. אַז ער געהט אין בערעל, שטעהט איהם נישט אָן צו געהן בציבור, ווי איך, מיט נאָך זעקס יורען, נאָר אַליין; און געבען גיט ער דעם גוי, וואָס גיסט אַריין דאָס וואַסער, מער ווי איך גיב באָר־געלד. טראָגט אַ שניפּס און אַ געפּרעסטען קאָל־נער, ווי דער ריכטיגער פּריץ, און אַלץ פאַר מיין בלוט.

אַשטייגער, אַז ער וואָלט נישט געווען געקומען צו מיר און וואָלט נישט געווען געבליבען ביי מיר און מיך וואָלט נישט געווען אָנגעטראָגען דער גוטער יאָר איהם צוצושרייבען צו מיר, וואָלט איך דאָך איהם געהערט ווי דעם פאַראַיאָריגען שניי און וואָלט אַפילו נישט געוואוסט, אַז סי איז דאָ אַזאַ באַשעפענעש אַף דער וועלט. וואָס וואָלט איך געוואוסט פון צרות, פון אַזעלכע צרות! נאָר וואָס רען, ער איז יאָ געקומען און איז געבליבען, און איך האָב איהם צו־געשריבען על־פּי־חוקי־האופּראַווע, און דערפאַר מוז איך אָבקומען מיין גאַנץ לעבען! איהר פאַרשטעהט, אַז מי זעצט מיר אָן, אַז איינער האַנדעלט מיט מיר אַ סך יאָרען און דערנאָך גיט ער אַ זאָג: לאַ־אשלם! האַרט דאָס מיך שטאַרק, וואָרום איך האָב פיינט, אַז מי גיט מיר נישט אָב, און האָב נישט ליב אויסצומעקען אַ חשבון פונ׳ם בוך, גלאַט אַזוי מיט׳ן שרייבפּענדעל. אָבער דערנאָך זאָג איך מיר, סי ליגט שוין אַזוי אין דער טבע, אַז מי באַרגט צ ע נ ע ן, קען א י י נ ע ר אויך איינמאָל נישט אָבגעבען. זאָל ער דאָס אויסקרענקען! גאָרנישט, מי גיט זיך אַ שניט אין פינגער, סי רינט אַביסעל בלוט און סי פאַרהיילט זיך.

אָבער אַזאַ צרה קומט צו מיר אין שטוב אַריין און מי עפענט נאָך אַליין די טיר און מי מיינט: ווער ווייסט, וואָס איז געקומען.

און דאָ קומט אַ זאַך, וואָס איך שעם מיך אייך צו דער־ציילען. אַ נייע דינסט האָבען מיר צוגענומען. אַ ריין, ציכטיג מיידעל. זי דערלאַנגט איהם דעם טיי, ער קוקט אַף איהר, זי אַף איהם, איך אַף זיי ביידע. מיינע זאָגט: מי דאַרף זיי נישט לאָזען אַליין אין שטוב. איך זאָג גאָרנישט. אַקיצור, אַ פרייטיג־צו־נאַכטס, איך בין שוין געלעגען און בין געשלאָפען: מיינער האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אין קאַמער פאָרעט זיך איינער, זי געהט אַראָב אין איין העמד און וויל עפענען די טיר פון דער קיך, ווייזט זיך איהר אויס, אַז צוויי מענשען שושקען זיך אַפ׳ן אויווען. שווערען וויל זי נישט, אָבער זי זאָגט, סי איז דאָך אַ נפקא־מינה צי מי הערט אַ קול פון איינעם, צי פון צווייען. אַפ׳ן אויווען שטעהט פרייטיג־צו־נאַכטס דער טשאָלענט און דאָס מיידעל שלאָפט אויך דאָרט... מיר האָבען אונז אָנגעהויבען צו זאָגען, אַז דאָס איז אַ שלעכטער פערציגער מיט׳ן בחור, און אַז סי וואָלט געוועזען אַנ׳איינענער זון, וואָלט מען אַוודאַי אַזוינס פון איהם נישט דערלעבט, וואָרום אַנ׳איינענעם זון דער־ציהט מען פון קינדווייז אָן, און אַז ער געהט אַמאָל אַראָב פונ׳ם דרך, האַלט מען איהם אָב. וואָס אַ מאַמע זאָגט צו איהר בלוט און פלייש, דאָס געהט דעם זון אין האַרצען אַריין. און נעמען אָבשאַפען דאָס מיידעל איז אַ שאָד, אַ בריה און אַ חוץ־דעם קען מען אַף איהר גאָרנישט זאָגען.

אַ שנאה איז אין מיר אַריין אַף איהם, ווי איהר קענט אייך דאָס גאָרניט אויסמאָלען, און אויך מיינע פילט זיך נישט גוט, ווען ער איז דאָ. דאָ זיצט אַ פרעמדער ביים טיש און עסט פאַר דרייען און מיר זיצען דערביי און רעדען נישט. עפּעס דאַכט זיך מיר, אַז מי מוז זיך היטען פאַר איהם. מאָלט אייך אויס: אַ שבת צי אַ יום־טוב האָבען אַ ראַזבאָיניק ביי זיך און האָרעווען איהם. אַמאָל, אַז גנבים זענען אַריין ביי שמואל־שואלקעס ביינאַכט און זענען איהם באַפאַלען, האָב איך מיר געטראַכט, וואָס טו איך, אַז מיין בחור הייבט זיך אוף כחצות־הלילה און קוילעט מיך. אַ משוגעת! און איך זאָג אייך, אַז אָט דעם שגעון האָב איך מיר אויסגעמאָלט מיט אַלע פישטאַווקעס, ווי ער קומט צוגעהן מיט אַ וועקסענעם ליכטעל, דאָס פנים אויס־געשמירט מיט סאַזשע און נעמט מיך בינדען. מיינע ליגט שוין געבונדען, און אַ פאַטשייליכען איז איהר אַריינגעשטופּט אין מויל אַריין. טויזענר מאָל האָב איך נאָכגעקוקט, אַז איך בין געגאַנגען שלאָפען, אויב די שליסלען זענען דאָ אונטער'ן קישען, און אַז איך האָב זיי נאָר וואָס געהאַלטען און זיי פאַרשטעקט טיף־טיף, האָט עס מיך געצויגען, זיי ווידער אָנצוטאַפּען, טאָמער האָט זיך מיר דאָס פריער נאָר אויסגעדאַכט. אַפילו אינדערפרי צו דער ציקאָריע האָב איך מורא געהאַט צו קוקען איהם אין פנים, טאָמער אַפילו אַז ער איז ריין און טראַכט לחלוטין נישט קיין בייז, וועט זיך אַריבערחאַפּען דער געדאַנק פון מיין מוח אין זיין מוח און זיך צוקלעבען צו איהם...

איך זאָג אייך, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען אַ חודש כּסדר, קען איך אייך גאָרנישט אויסמאָלען. איך וואָלט איהם מוחל געווען צען עבירות אין קיך, אַבי איך זאָל האָבען מנוחה! און דערצו קומט נאָך מיינע און צעוויינט זיך, פאַרוואָס האָבען מיר גענומען אַ משומד אין שטוב אַריין? אַז גאָט הייסט נישט האָבען קיין קינדער, זאָל מען נישט זיין צו קלוג. וואָס קען שוין ווערט זיין דער קדיש פון אַזאַ מין נפש? אַי וואָס, נעם און וואַרף איהם אַרויס, — איז ראשית, איז ער צוגעשריבען צו דיר, און שנית וואַרפט מען נישט... איך וואָלט געראַנקט גאָט, אַז ע ר וואָלט מ י ך נישט אַרויסגעוואָרפען, און דאָס האָב איך געוואוסט, אַז איך וועל אַלט ווערען זיבעציג יאָר און וועל נישט מער האָבען די כּחות און ער וועט איבערנעמען די מלוכה, וועט ער מיט מיר לערנען בלק.

און אַצינד וויל איך אייך דערציילען, וויאַזוי איך בין זיינער פּטור געוואָרען, דאָס הייסט נישט אַף תּמיד, אָבער אַף אַ פּאָר יאָר. צו איינאונצוואַנציג יאָר האָט מען איהם גערופען צום פּריזיוו. וואָס ווייזט זיך אַרויס? הערט און שטוינט, אַז ער איז גאָרנישט קיין בן־יחיד ביי מיר. אַז איך בין געווען אַזוי לאַנג אַ חשוך־בנים, האָט זיך קהל מישב געווען און האָט מיר צוגעשריבען נאָך פּאַר דער מעשה מיט שמעונען אַ זון, אַ יצחק, אַ בראָדיאַגע, צי ווייסט איהם דער רוח. איך שריי: געוואַלד געשריען! זיי זאָגען: סי איז אַ טעות, סי איז אַריינגעקומען פון זיך אַליין. דער סעקרעטאַר איז געווען שיכּור און האָט געדאַרפט אַריינשרייבען

איינעם אין יענעם בלאַט, האָט ער איהם אַריינגעשריבען אין דעם בלאַט. אַקיצור אַהין אַהער, אַ געלויף, אַ טענה. זאָל איך געהן דערלאַנגען אַף זיי, וועלען זיי דערלאַנגען אַף מיר. בּדיעבד, זאָל ער אָנווערען די לנאָטע און זאָל געהן רינען! אַי וואָס, ער וויל נישט און האָט נישט קיין חשק? ווער פרעגט איהם. — רינען רינט ער נעבּען יאַרמעליניעץ און געהט אַף לאַגערס און שרייבּט אַמאָל אַ בּריוו. איך שיק איהם אַמאָל אַ צענערעל, כּדי איהם צו פאַרשטאָפּען דאָס מויל. דער עיקר, וואָס איך האָב אייך געוואָלט פרעגען אַנ׳עצה: איך וויל זיי בּיידע מעביר־נחלה־זיין, די בּיידע זין מיינע, וואָס איך האָב זיי קיינמאָל נישט געהאַט און הלוואַי וואָלט איך פון זיי נישט געוואוסט. אַז מי לעבּט, דערלעבּט מען.

# דריי חדשים

אָדער

## דער עגמת־נפש פון אַ יורען

גאָט, וואָס זענען דאָס פאַר מענשען, וואָס איז דאָס פאַר אַ דור! נעמען אַ מענשען און איהם מוטשען. פאַרוואָס, איך פרעג אייך? שטעלט אייך פאָר, איך זיץ שוין דאָ דריי חדשים און טענע אַלץ מיט זיי: גיט מיר אַרויס די ירושה! לאַכען זיי מיר אין פנים אַריין און זאָגען: ווער סי גיט, איז אַ נאַר. זאָג איך צו זיי מיט גוטען: איהר זענט דאָך מיינע ברידער און איהר מוזט דאָך אַריינגעהן אין מיין לאַגע, אַז איך קען נישט לאָזען איבערגעהן מיינס. זאָגען זיי: מיר ווילען דען ביי דיר עפּעס נעמען? פאַר אַהיים געזונטערהייט און דו וועסט זעהן, צי מיר וועלען קומען צו דיר. הייב איך אָן אַף טערקיש: סטייטש, ממזרים, פאַרוואָס קומט אייך די גאַנצע ירושה? איהר זאָגט: דער טאַטע האָט ביים לעבען מיר גענוג געגעבען; אייך האָט ער דען וועניג געגעבען? פאַרקערט, געהן מיר צו מענשען, צום רב, צו וועמען איהר ווילט אַליין. אַז רעד צו דער וואַנט. — וואָס טויג אונז דאָס גאַנצע לאָרעכץ, אַז מיר זענען דיר נישט שולדיג קיין קאָפּיקע. הייב איך אָן פשוט צו שרייען געד וואַלד: איהר האָט מיך באַראַבעוועט, איהר האָט ביי מיר

אַוועקגענומען מיין חלק, איך וועל געהן אין קלויז און וועל מאַכען אַ רעש. איך וועל נישט לאָזען לייענען. זיי זיצען זיך רוהיג און זאָגען: חצקעל, ווילסטו אַ גלעזעל טיי? קלעמט דיר נישט דאָס האַרץ? איך קלאַפּ אין טיש: הינט, איהר ווילט מיר געבען שוחד? איך וועל אייך נישט שענקען, אַהער מיט דער ירושה. זיי: שאַ, נאָר אָהן געפּילדער און אָהן רעש. וויפיל האָבען דיר געקאָסט די הוצאות אַהער? זיבען קערבלעך. מיר קערען דיר אום די הוצאות אַהער און צוריק און אַחוץ־דעם גיבען מיר דיר נאָך צוויי קערבלעך, דעם ווייב אַף אַ זיידען טיכעל אַ מתנה. פונ׳ם טאַטען וועלען מיר דיר געבען די זוהרס און די משניותן און פּאָר אַהיים. דאַכט זיך יוצא? איהר הערט ווערטער? דריי הונדערט קאַרבען איז געבליבען במזומן און אַ האַלבע שטוב, אַחוץ ספרים און מעש. איהר ווייסט נישט אַלץ, וואָס מיין טאַטע האָט געהאַט. די קוה האָבען זיי איהם אַוועקגענומען נאָך בײם לעבען. זיי זענען געזעסען דאָ און האָבען איהם געציקעט און איך נאַר מוז וואוינען אין סוויטיאַץ און בין געבליבען בײם שרייען. אַ טענה האָבען זיי, אַז איך האָב חתונה גע־מאַכט אַ קינד, האָט דער טאַטע, עליו־השלום, נעגעבען דעם נדן און האָט מיט דעם מיר אויסגעצאָלט דעם חלק ירושה. פרעג איך אייך, ווער ירשענט דאָס אַ פאָטער בײם לעבען? איך זאָג צו זיי: לאָמיך נאָר זעהן די צוואה. זאָגען זיי: נישטאָ קיין צוואה. זאָג איך: סי מוז זיין אַ צוואה. — אדרבה, געה און וויז זי. — חכמים, איהר זייט געוועז בײ דער לוויה און האָט די צוואה צוגענומען. — האָסטו ערות?

— קיין ערות האָב איך נישט, אָבער ברענגט איהר ערות, אַז סי איז נישט געבליבען קיין צוואה. אַזוי טענען מיר אַלץ און סי קומט נישט צו קיין עק. אין קלויז זאָגט מען מיר: דערלאַנג! דערווייל זיץ איך ביי זיי און עס ביי זיי און שלאָף ביי זיי. איך פּרוב איינמאָל צו זאָגען: ווייסט איהר וואָס? דאָס געלד האָט איהר צוגענומען, גיט מיר אַוועק די שטוב. זאָגט די שוועסטער מיינע: די שטוב האָט דער טאַטע שוין ביים לעבען פאַרשריבען אַף מיין נאָמען. איך ווייס, אַז דאָס איז אַ ליגען. די חתימה איז נישט די חתימה פון׳ם טאַטען. מיין שוואָגער איז זיך מישב און וויל מיר געבען צוואַנציג קערבלעך יוצא־געלד. איהר פאַרשטעהט אַ ענין? דאָ עס איך מיר אויס די גאַל מיט זיי און מיין שוין, אַז איך בין שוין אַף אַ שטיקעל לאַר, און דאָ לאָזט זיך אויס: צוואַנציג קערבלעך! דאָרט אין סוויטיאַץ מיינען זיי, איך ברענג די אפּוטיקה, און שאַרפען זיך שוין די ציין, און איך קום אָן מיט מיינע צוויי צענערלעך. און היינט בין איך דאָך גערעכט. ווער האָט דאָס געהערט, מי זאָל נעמען אַ ברודער, דערפאַר וואָס ער האָט נישט געוואוסט און איז נישט געוועזען אַקוראַט צו דער לויה, און מי זאָל פון איהם אַוועקנעמען זיינס? איז שוין גאָר קיין יושר נישטאָ אַף דער וועלט? איך פרעג אייך, וואָס זאָגט איהר דערצו! מאָלט אייך אויס, איהר זייט איך און אייך וויל מען אַוועקנעמען די ירושה! וועט איהר פאַרבייסען מיט די ליפּען און מאַכען אַ שווייג? עפּעס האָט דאָך דער מענש אַ גאַל און סי גריזעט איהם ביז אין ביין אַריין. סי

איז נישט דאָס געלד אַליין, נאָר די עוולה. אַז איך זאָג מיר אַפילו טויזענד מאָל: זיי זענען גנבים און רוצחים, פאַר אַהיים און זיי אַלץ מפקיר, לאָזט מיך עפּעס דאָס האַרץ נישט. עפּעס איז אין האַרצען דאָ אַ דעה, אַן׳עקשן, וואָס זאָגט: ניין, דו טאָרסט נישט צולאָזען איבערגעהן דיינס. איהר פאַרשטעהט? אין מוח זענען דאָ נאָך דעות און נאָך מחשבות און איטליכע האָט זיך איהר ראיה; איין דעה זאָגט: זיץ. און די אַנדער זאָגט: גיב אַ שפּיי, חצקעל, דיין זיצען דאָ וועט דיר נישט העלפען. אָבער די איין דעה, דער עקשן, איז גובר און האַלט מיך און לאָזט מיך נישט אַוועקפאָרען. דאָס לאָזט מיך נישט שלאָפען און עסען און פּיקט מיר אַלץ אין האַרצען: רייס זיי אויס די אויגען, לאָז זיי נישט רוהען, ציה זיי אַזוי לאַנג ביי די קישקעס, ביז זיי וועלען נאָכגעבען. און ווי איך הער דאָס, גיב איך אַ טראַכט: אפשר טאַקי יאָ? האָסט אַזויפיל גע־וואַרט, וואַרט נאָך. עפּעס וועלען זיי דאָך נישט וועלען, דו זאָלסט ביי זיי אָבזיצען ימים־ושנים. און אין לפלוג, לעג איך נישט צו מיט מיין זיצען? און ווער איך נישט קאַרג אָן, וואָס איז פינעף מאָל מער ווערט ווי די גאַנצע ירושה? איהר ווייסט, אַ קלייט לאָזען אַף אַ יורענע אַליין. איך, אַז איך בין דערביי, מאַך איך חילופים. מי האַנדעלט און מי זעהט דעם לעבעריגען זעקסער. וואָס טו איך דאָ? וואָס מאַך איך דאָ? אַזוי טענע איך מיט מיר אַליין, אָבער סי העלפט נישט. איך קען נישט אופהייבען די פיס און אַוועק־פאָרען און זיי לאָזען דעם חלק ירושה. איך שווער אייך,

איך קען נישט. און אַז איך וועל שוין אַוועקפּאָרען, וועל
איך נישט האָבּען קיין רוהה אינדערהיים. מיינע וועט מיר
גריזען און עסען. אין בית־מדרש וועט מען מיר אָבּעסען
די גאַל: סטייטש, ווי נעמט אַ יוד און לאָזט אַ ירושה?
וויפיל מאָל ירושות האָט מען אין לעבּען? פאַר צוריק קיין
אַחרימאָווע און גיבּ אָן אין סוד. מיר וואָלטען מיט זיי בּלק
געלערנט. גיבּ אַ טראַכט: דאָ שטעהסטו און האָרעוועסט
אַף אַ פּיאַטאַק און דאָרט לאָזטו ליגען אַ הונדערטער. ווי
איהר זעהט מיך לעבּען, אַ גאַנצער הונדערטער קומט מיר
אַרוים. איהר ווייסט, וואָס דאָס הייסט? איהר ווייסט, וואָס
איז דער טייטש פון אַ הונדערטער, אַ געלער הונדערטער
מיט דער קרוין, און דאָס קנייטש איך צונויף און האַלט
דאָס אין האַנד און דאָס איז מיינס? איך זעץ מיך אַנידער
עסען און איך האָבּ דעם הונדערטער; מי לעגט זיך שלאָפען
און אונטער׳ן קישען ליגט דער הונדערטער; מי געהט דאַ־
ווענען מיט׳ן טלית־ותפילין און אין קעשענע ליגט דער הונ־
דערטער. איהר פאַרשטעהט דעם טעם? און דאָס האָבּ
איך געירשענט, נישט צונויפגעלעגט אַ רובל צו אַ רובל
און צו איטליכען צוגעגעבּען אַ שטיק געזונט, נאָר אַלץ
געירשענט אין איין מאָל, דאָס איז עפּעס ווערט, דאָס
פאַרגין איך מיר און פאַרגין דאָס אייך און אַלע גוטע
פריינד. קומען זיי, די ימח־שמוניקעס, און נעמען מיר אַוועק
מיין פרייד. פאַרוואָס? פאַרווען? בּין איך וועניגער אַ
זון ווי זיי? וואָס האָבּ איך מיר שוין ניט אויסגעמאָלט פאַר
דעם הונדערטער: איבּערבּויען מיין שטוב, אַוועקלעגען אַף

פראָצענט. און דאָ לאָזט זיך פון אילימען אויס אַ בוירעם. וואָלטען זיי מיר חאָטש געגעבען אַ פופציגער, זאָגען מיר, די העלפט. איהר קענט דאָך די פשרה פון אַ גזלן: חצי־שלי וחצי־שלך, זאָלען זיי זיך דערוואַרגען מיט דעם אָבגעריסענעם פופציגער. אַ פופציגער געהט אויך נישט צופוס, דאָס איז שוין אַ מטבע; אָבער צוואַנציג קערבלעך, וואָס הייב איך אָן מיט צוואַנציג קערבלעך? איך זאָג אייך, איך נעה שיר אַראָב פון זינען פון עגמת־נפש און דאָ זיץ איך ביי זיי און מוז עסען ביי זיי און שלאָפען ביי זיי, ווי איך האָב אייך געזאָגט. סי פאַסט דאָך נישט, אַ ברודער און אַ שוואָגער זאָל נעכטיגען ביי אַ פרעמדען. יאָ, איהר ווייסט נישט, וואָס אַ מענש קען ליידען. מי איז, דאַכט זיך, צו גאַסט, אַ שיינער גאַסט. נישט איינמאָל האָבען זיי מיר געוואונשען מיין קלימעקעל ווייט פון דאַנען. אַז איך עס, בלייבט מיר דער ביסען שטעהן אין מויל. אָבער איך פאָר נישט אַוועק, ביז איך וועל נישט באַקומען מיינס. איך זאָל אַפילו שטאַרבען, וועל איך זיך נישט רירען פון אָרט. דערפאַר הייס איך חצקעל.

אַף אַ רגע קומט מיר אַפילו דער געדאַנק: פאָר אַהיים און זאָג: אַ שיינע־ריינע־כפרה, די ירושה וועט זיי נישט וואויל באַקומען. דאָס געלד וועלען זיי אויסקרענקען, די שטוב וועט אָבגעברענט ווערען, סי איז דאָך דאָ אַף דער וועלט שכר־ועונש. קומט אָבער די אַנדער דעה, די עקשנטע, און זאָגט: פאָר נישט, האַלט אויס, ביז דו וועסט אויספירען. פרוב איך צו זאָגען: סי איז מיר שוין נמאס געוואָרען, איך

פאָר אַהיים, איך בּענק נאָך מיין ווייבּ און קינדער. גיט זי — די עקשנטע — אַ געשריי: פאַרקערט, דו מווט האָבּען אין זינען ווייבּ און קינדער און בּאַשטעהען אַף דיינס. אָט אַזוי זיץ איך דאָ אָבּ שוין דריי חדשים...

# בקשות

נאָכדערציילט דעם בעל־המעשה

פעטער, זעצט אייך אַנידער צו מיר אָ ראָ אַף דער פּריזבע אַף אַווײילענקע, וועל איך אייך דערציילען אַ שיינע מעשה, וואָס מיר האָט געקענט פּאַסירען. וואָס־זשע איילט איהר אייך אַזוי? די סמעטענע פונ׳ם הימעל וועט מען אייך נישט אַוועקנעמען. איהר מוזט וויסען, אַז איך בין בערל פּאַסטערנאַק און אַז איך זאָג אייך זעצען, איז זעצען. די פּאַרדינסטען הײנטיגע יאָרען! וואָס האָט איהר אָנצוּווערן? מילאָ, ביי דער פּאָלע וויל איך אייך נישט צוהאַלטען, אָבער די מעשה איז שאַרף און מיט אַ שפּיצעל.

די מעשה איז אַזוי. איהר קענט מיך, ווי איך קען אייך אויסגעבאָרען. וואָס איז שייך, צי אַלטע שטאָט, צי נייע שטאָט. איטליכער ווייסט, וואָס סי טוט זיך ביים אַנדערען אין טעלער, און אַ קוק האָט מען אויך, וואָס יענעם פעלט און וואָס ער באַראַרף צו האָבען און וויפיל ער איז שולדיג אַף זיין הויז און דאָס און יענץ און בוידעם. דאָס קאָסט נישט קיין געלד, אָבער סי איז ווערט געלד. וואָרום איהר פאַרשטעהט, היינט מוז איטליכער מענש זיין באַוואָפענט און וויסען פון אילעמען פון איין עק שטאָט ביז צום אַנ־דערן; קומט איינער און רעדט דיר אָן אַ פויגעל, מוזטו

איהם זאָגען: ברודערוניו, מיך ווּעסטו נישט אָבּנאַרען. אַז מי מישט אַריין וואַסער אין מילך, דערקען איך, און אַז מי גיט מיר אַ פאַרווייסטע קאָפּיקע פאַר אַ פערציגער, דערקען איך, און אַז מי גיט מיר אַ וועקסעל, וואָס איז — איך בעט איבער אייער כבוד — גיב איך דערפאַר נישט קיין צוויי גראָשען במזומן. איהר פאַרשטעהט, אַז מי געהט אַרויס אין מאַרק און איינער קומט צו דיר צוגעהן און שלאָגט דיר אָן אַ מסחרל, מוז ער גלייך זיין ביי דיר בחזקת־גנב, און כּל־זמן דו האָסט נישט איבערגעציילט דעם פאַרדינסט און נישט אַריינגעלעגט אין קעשענע, טאָרסטו זיך נאָך נישט פרייען אַפילו אַף אַ האָר, וואָרום סי קען גוט זיין, אַז דאָס איז איינגאַנצען אַ ברכה־לבטלה און סי שמעקט מיט אַנ׳אופּטו, אַף פּראָסט יודיש: מיט אַ שווינדעל. לאָמיר זיך נישט נאַרען, וואָס איז די הייַנטיגע וועלט? גנוב־וכחוש־ורצוח. איך זאָג אייך: פרעגט מיך! ביי מיינע פופציג יאָר האָב איך מיר גענוג אָבגעבּרענט די פינגער, און טאָמער מיינט איהר, סי העלפט עפּעס צו זיין אַ קלוגער? אַ טעות! אַז דער רוח וויל צונעמען, נעמט ער צו, ער געפינט שוין זיינע שלוחים. קענט איהר יוסלען, יוסעל נחמנס? ער, דער גוטער יאָר זאָל איהם נישט קענען, קומט צוגעהן צו מיר איינמאָל און זאָגט צו מיר שטילערהייט: רב בער, ווילט איהר מיר טון אַ טובה? סי וועט אייך גאָרנישט קאָסטען, אַפילו נישט אַביסעל מיה וועט עס אייך קאָסטען און מיר וועט אַרויסקומען פון דעם אַ גרויסע טובה. — נו, וואָס ווילסטו פון מיר? — איך וויל איבערשרייבען מיין שטוב אַף אייער

נאָמען. דאָס פאַרשטעהט מען, וואָס דער פסוק מיינט דער־מיט, אָבער שאָטען קען דאָס אינדערמאָהנען נישט. ער וויל דאָך פאַרשרייבען זיין שטוב אַף מיין נאָמען און נישט פאַרקערט. מהיכי־תיתא, זאָג איך מיר אין האַרצען. צו איהם זאָג איך אָבער: גוט, איך וועל זיך מישב זיין. פּלאַצט ער אויס: פּע, רב בער, אַזאַ קלוגער יוד, ווי איהר, וואָס זענט איהר אַנ׳איידעמעל, וואָס מוז צוערשט אָנפרעגען ביים שווער? זאָג איך: נאָר אָהן כּעס, סי ברענט דאָך נישט. זאָגט ער: נייִן, סי ברענט. אייך דאַרף איך דאָך נישט צו פּיקען די צונג. זאָג איך: גוט; געהען מיר אַריבער צום נאָטאַריוס. זאָגט ער צו מיר: דעם פּאַפּיר האָב איך שוין פאַרטיג אין קעשענע אַף אייער נאָמען און שוין געחתמעט. זאָג איך: אַי, ברודערל, וויז נאָר אַהער דעם פּאַפּיר. זאָגט ער: איך וועל אייך שוין ווייזען, זאָגט מיר נאָר צו. זאָג איך: זאָג מיר אַף פּראָסט יודיש, וואָס ווילסטו פון מיר? זאָגט ער: איך וויל אַ באַוואָרענעש, אַ קליין באַוואָרענעש. — וואָס הייסט אַ באַוואָרענעש? — אַ חתימה׳לע, אַ קליין חתימה׳לע, אַף אַ שטיקעל פּאַפּיר. — אַ מכּה! זאָג איך. — אַי רב בער, זאָגט ער, מיט אייך איז נישט גוט אַפילו קאָליש צו עסען, וואָס־זשע האָט איהר פלוצלינג אָנגעהויבען מורא־צו־האָבען? אַז איך שרייב אַף אייך אָב מיין שטוב מיט די קעלערס און מיט כּל־ולך, און אויסגעציילט די חדרים מיט די פּענסטער און די טירען, און וואָס וויל איך פון אייך? נעמט אַרויס אַ שרייבפּענדעל און טוט אַ שרייב אַף אָט דעם שטיקעל פּאַפּיר: בערעל

פּאַסטערנאַק. נאָר אַט די צוויי ווערטער, דאַכט זיך, סי איז דאָך גאָרנישט מסוכּן. — זאָג איך איהם: אַ גוטען טאָג! און לאָז איהם שטעהן אינמיטען גאַס, ווי אַן'אָפּגעגאָסענעם.

דריי טאָג כּסדר האָב איך איהם נישט געזעהן. אַפ'ן פערטען טאָג קומט ער צוגעהן צו מיר אינדערפרי, שוין גאָרנישט דער אייגענער מענש מיט'ן קוראַזש און מיט דער שטוב, נאָר פּשוט אַ רחמנות־פּנים. ער איז אין רחקות. עפּעס איז ער פאַרוויקעלט אין אַ ענין און ער מוז האָבען זאַלאָג, נישט קיין מזומן געלד, נאָר אַן'אונטער־שריפט, און דאָס נאָר פון מיר, אַ איש־בּטוח. סי וועט מיך גאָרנישט קאָסטען און ער זאָל באַגראָבען ווייב און קינדער, אויב סי וועט מיר געקרימט ווערען אַפילו אַ האָר. ער האַלט מיך בּיי די הענד און בעט: רב בער, סערדצע, דערהאַלט מיך בּיים לעבען, איך בּין אַ יוד מיט זעקס קינדער און דערוואַקסענע. — עפּעס איז דאָס דאָך אַ וועלט, וואָס צו טון גוטס ווערט נישט פאַרלוירען. און וואָס וואָלט טאַקי געוואָרען פון די מענשען, ווען איינער וואָלט נישט געהאָלפען דעם צווייטען אין אַ נויט? עפּעס איז דאָך דאָ אַ גאָט אַף דער וועלט.

איך זיץ און באַטראַכט מיר איהם, רערענדיג. אַף־צו־להכעיס איז געווען מיין ליולקע פאַרשטאָפּט און איך קלאַפּ מיר בניחותא דעם טיטון און קוק איהם אָן. ער רעדט אַלץ און דרינגט מיר אויס מן־התּורה און מן־הנביאים און פון מענש־ליכקייט, אַז איך באַדאַרף איהם נישט אָפּצוזאָגען און גלייך אַף דער שטעל טון, וואָס ער בעט מיך, וואָרום ווען

נישט, איז ער אומגליקליך און סי קומט איהם אויס, זיך אריינצוואַרפען אין וואַסער, ויהיו־דמו־ורם־זרעותיו ער־סוף־כל־הדורות תלוי בי. איך האָב עס ביר, איהם מיט זיין ווייב און קינדער צו דערהאַלטען ביים לעבען. — רב בער, זאָגט ער צו מיר, מאָלט אייך אויס פאַרקערט: איך בין אייך אַוודאַי קיין שונא נישט, אָבער סי קען דאָך אַ מענשען אַלץ פאַסירען, און גאָט באַהיט, איהר דאַרפט צו איינעם צו האָבען און איך בין דעמאָלט אין אַזאַ מעמד, אייך צו טון אַ טובה? זאָגט אַליין, וואָלט איך עס נישט געטאָן? וואָלט איך נישט געקראָכען אין פייער, אַבי אייך צו העלפען?

איך האָב שוין געהאַט פאַררייכערט די ליולקע און זאָג מיר: אַט אָ דער יוסעל איז אַ שווינדלער. איך קען שווערען, אַז ער האָט ברעה מיך אָבצונאַרען, נאָר לאָז אַ הונט נישט בילען. אָרים ווערט ער מיך נישט מאַכען. און איך טראַכט שוין צוצוגעהן צום טיש און שרייבען פאַר איהם אַ זשירע. גיט עס אָבער מיך אַ ציה אַף צוריק: האַלט, אַייל זיך נישט. געה אַרוים אין גאַס און טו אַ פרעג. די מציאה וועסטו נישט אָנווערען און זיך דערטרינקען וועט ער זיך נאָך דערוויילע היטען. ער לאָזט מיך אָבער נישט פון אָרט און זאָגט: איך געה נישט אַוועק, ביז איהר טוט מיר נישט די טובה. פאַר אייערע אויגען לעג איך מיך אַנידער און שטאַרב אָט דאָ ביי אייך אין שטוב.

איך זעה, סי איז אַ שלעכטער פערציגער, און זאָג צו איהם: יוסעל, רעד קלאָרע ריבורים. אונטערשרייבען וועל

איך פֿאַר דיר נישט. דאָס צו טון מוז איך אָנװערען דעם שכל, און דער קאָפּ בײַ מיר איז נאָך שטאַרק. קען איך דיך פּטרן מיט אַ פֿופֿציגער, איז גוט און נישט מער אַ גראָשען. סי איז צײַט צו געהן ראַװענען, עובר געװען זמן־קריאת־שמע האָבען מיר שױן בײדע. גיט ער אַ שפּרונג: רב בער, איך באַדאַרף צו האָבען צװײ מאָל שי״ן קערבלעך און איהר גיט מיר אַ פֿופֿציגער. זאָג איך איהם: נעם, אַז מי גיט דיר, װאָרום אין אַ שעה אַרום קריגסטו דאָס אױך נישט. זאָגט ער: װאו זאָל איך נעמען דאָס איבעריגע? זאָג איך: װאָס האַרט דאָס מיך? זאָגט ער: איהר זענט דאָך אָבער אַ מענש מיט אַ האַרץ. האַרץ אַהין אַהער, איך זאָג איהם: איך קען נישט. ער לאַכט מיך אױס: הלװאַי אַף מיר געזאָגט, האָט אַ העלפּט פֿון דעם, װאָס איהר האָט הײַנט ליגען בײַ אײַך אין שופֿלאַד. אַזױ איז ער בײַ מיר אָבגעזעסען דעם גאַנצען אינדערפֿרי און סי האָט מיר נישט אײנמאָל איבערגעהלשט דאָס האַרץ פֿון הונגער. נאָכמיטאָג אַ נײער גאַסט. שרה, זײַן װײַב, אַ שײנע יורענע און אַ שטילע. אָהן אַ סך צו רעדען לעגט זי אַנידער אַ פּעקעל, װאָס זי האָט געהאַלטען אונטער׳ן שאַל, און שיט דאָס אױס אַפ׳ן טיש: לײַכטער, בעכערלעך, לעפֿעל, גאָפּלען, אַ שנירל פּערעל, אױרינגלעך. רב בער, זאָגט זי, גיט אונז אַ זשירע חאָטש אַף שי״ן קערבלעך. איך זעה, די טרערען שטעלען זיך איהר אין די אױגען און איך שעם מיך צו נעמען בײַ איהר די משכנות. אָבזאָגען קען איך נישט, איהר פֿאַר־שטעהט, אַז אַ יורענע בעט, און דערצו נאָך אַ לײַטישע. װיאַזױ

האָט זיך געגומען צו דעם פּלוט, צו יוסלען, אַזאַ ווייב? איך נעם אַרויס דאָס לעדער מיט פּאָזיטען. זי זאָגט: ניין, אַ חתימה איז געגוג — איך וויל אפילו זאָגען: נעמט אייך צוריק דאָס זילבער, איך גלייב אייך. איהר וואָלט געדאַרפט דעמאָלט זעהן זי שטעהן, דאָס פּנים פאַרוואָלקענט, אָבער מיט חן. איך האָב דאָס אָבער נישט געזאָגט און אָנגערירט האָב איך עס אויך נישט און נישט באַטאַפּט.

דעם סוף וועט איהר שוין אַליין וויסען. זי, איך קען שווערען, זי איז אין דעם נישט שולדיג, אָבער ער, אַ ריכטיגער אַפּעריסט. צו דרייהונדערט אין ציפער איז אַ קלייניקייט צו נעמען אַ פען און צוצושרייבען נאָך אַ נול, אַף טשיקאַוועסט. איך, בער לעקיש, מוז צאָלען דריי טויזענד רובעל און פאַרבייסען מיט די ציין. וואָס, זאָל איך איהם אַריינוואַרפען אין אָסטראָג? איז זי ווידער געקומען צו מיר און האָט געוויינט און איז מיר געפאַלען צו די פיס. אַ וועלט מיט מאָשענסטוואָ! בקשות! —

# סכסוכים

## אַ קרעכץ

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אַפּ'ן בענקעל און האָט געגעבען אַ ברייטען יורישען קרעכץ, האָטש ער האָט גאָרנישט אויסגעזעהן אַזוי שלעכט. מוז איך האָבען אַף דער עלטער גאָר אַ סכסוך מיט די אייגענע קינדער — האָט ער אָנגעהויבען — זעכציג יאָר בין איך אַלט געוואָרען און איך מעג זאָגען, אַז איך בין נישט געזעסען מיט פאַרלעגטע הענד. וואָס איהר זעהט מיך האָבען, האָב איך פאַרדינט מיט מיינע פינעף פינגער: אַ שטוב אונטער טשערעפּ און אַ שטוב ראָהי; דריי קלייטען אין מאַרק און די גרויסע ווינטמיל אַפּ'ן סטעפּ. פריער האָב איך געהאַלטען די קליינע מיל אין ווילשינקי פון חאָדעראָוון און סי איז מיר נישט איינמאָל געוואָרען אָבגעריסען די בריק. דרייצען יאָר האָב איך געהאַלטען דעם קאַרזשאָווער טייך. איך אַליין פלעג מיך זעצען אַף דער לאָדקע און חאַפּען פיש. איהר האָט געדאַרפט זעהן: קאַרפּען און שלייענס ווי די בערען. איטליכעס ווינקעלע אין טייך איז מיר געווען קלאָר און איך האָב געוואוסט די טבע פון די פיש. פּרובען זיך צו פאַרגנבנען פון מיר צי גאָר נישט וועלען אַרופּ־קומען, איז ביי מיר ניט אָנגעגאַנגען; איך האָב פאַרקאַטשעט די אַרבעל, די הענד אַריינגעשטעקט אין וואַסער און האָב

איהם אָנגעחאַפּט, דעם מחותן, בּיים ווירעל און האָבּ געזאָגט: קום בּרודער! דער בּחור מיינער האָט געעפענט אַ מויל און האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין זאַק אַריין. און אַז איך האָבּ געהאַלטען די מיל, האָבּ איך אַליין אַרומגעשלאָגען דעם מילשטיין, געטראָגען אַף די אייגענע פּלייצעס די פולע זעק בּיז אַף דעם אויבּערשטען גאָרן, און אַז די זאַסטאַווקעס זענען משוגע געוואָרען און האָבּען נישט געוואָלט פאַרהאַלטען דאָס וואַסער, האָבּ איך אַליין, מיט נאָך איין גוי, זיי אַראָבּגעלאָזען. דעם שכל פון דער מיל האָבּ איך געקענט צען מאָל אַף אויסענווענינג, און אַז צו מיר איז געקומען אַ מאַראָטשניק, אַ געלערנטער, און האָט מיר אָנגעהויבּען צו טאָלקעווען דאָס און יענץ און אויסצוחשבּונען מיט׳ן שרייבּפענדעל, האָבּ איך גענומען דאָס שטיקעל פּאַפּיר און געגעבּען דערוף דריי קריץ, געמאַכט אַ קעסטעלע און עס דורכגעצויגען און איהם בּאַוויזען אַלץ, ווי אַזוי איך פאַרשטעה דאָס אַף מ י י ן דרך, אַז ער האָט זיך אַליין געחידושט. און אַז סי איז אויסגעגאַנגען דער סראָק און יודען האָבּען זיך גענומען אויסצודינגען בּיים פּריץ די מיל, און ער, אַ הונט, האָט געוואָלט האָבּען מ י ך אויך אַף ווייטער, נאָר מיט ז י י ע ר געלד, האָבּ איך זיי געלאָזט אַזוי לאַנג אַרופּציהען דעם מקח, בּיז איך האָבּ געוואוסט, אַז זיי וועלען בּרעכען דעם קאַרק, און דערנאָך האָבּ איך געלאָזט די מציאה פאַר זיי און האָבּ מיר גערודנגען די ווינטמיל, אַזוי גוט ווי געקויפט, און דעמאָלט בּין איך צוריק אַריין אין שטאָט.

די לייט האָבען מיך געהאַלטען פאַר משוגע, אַז זיי האָבען מיך געזעהן זיך אַרומשלאָגען מיט דער מיל. איהר פאַרשטעהט, ווינט איז נישט קיין וואַסער. דאָס מוז מען פאַרשטעהן, ווי אַזוי צו דרייען און אָנצושטעלען אַקעגען דעם ווינט, און אַז סי איז דאָ צו מאָלען ביז איבער די אויערן, איז גראָד אַף־צו־להכעיס נישטאָ קיין ווינט. וואָס טוט מען דעמאָלט? נישט איינמאָל האָט מיר געטריקענט דער מוח טראַכטענדיג, און געזאָגט האָב איך מיר: דו מוזט עפּעס אויסקלערען, סי זאָל געהן אָהן ווינט, איהר פאַרשטעהט? אַז איך בין געווען אַ יונגערמאַן, האָב איך געקענט תּכונה...

יאָ, אַצינד האָב איך אַ גראָב פּנים און גראָבע הענד און טראָג גוישע שטיוועל, אָבער אַז איך בין נאָך געווען אַ יונגערמאַן, בין איך געווען ווי אַלע יונגעלייט און האָב אַריינגעקוקט אין אבן־עזרא און אַ האַרב שטיקעל האָט מען אויך פאַרשטאַנען, און אין קידוש־החודש בין איך געווען דער איינציגער. אַז מיין מאַמע האָט נאָך געלעבט, פלעגט זי תּמיד זאָגען, אַז ווען נאָט וואָלט געוואָלט, וואָלט איך זיך גענומען גאָר אַף אַן׳אַנדער שניט. אַפּנים, אַז ער האָט דאָס נישט געוואָלט און איך האָב עס אויך נישט געוואָלט... פּלוצים, אַז איך בין אַלט געוואָרען זיבענאונצוואַנציג יאָר, איז אין מיר מיטאַמאָל אַריין אין דער מחשבה, אַוועקוואַרפען די קלויז מיט דעם לערנען מיט׳ן כל־ולך און איך בין אַרויס אין אַ דאָרף און האָב אָנגעטאָן דעם פּעלצעל און בין געוואָרען אַ דאָרפסיור מיט אַלע הירורים. יעדער,

וואָס האָט מיך געקענט פון פריער, האָט געזאָגט: ישראל איז אַראָב פון זינען! קויפען פלעג איך פּראָסע און האָבער, און דערנאָך פאַרקויפען דאָס קאַרלאַפּניקעס און אַף די סטאַנציעס; דערנאָך איז מיר דאָס אויך גמאס געוואָרען, און איך האָב מיך גענומען צו מילען און צום טייך. געאַרבּעט האָב איך פאַר זעקסען בּייטאָג און בּיינאַכט און סי איז מיר אַפילו נישט מער געקומען אַפּ׳ן זינען דער ענין טבעיות...

מיינט איהר, אַז איך האָב שוין מער נישט ליב צו חקרנען? פאַרקערט, אָבער נאָר מיט זיך אַליין. די ספרים, דאָס בּיסעל, וואָס איך האָב, ליגען בּיי מיר ערגעץ און ווערען פאַרפוילט, און געהן רעדען מיט די אָחרימאָוועס בּהמות, בּין איך גאָר ניט קיין בּעלן, אָבער פאַרשטעהן פאַרשטעה איך גראָד דעם מענשען און דעם תּכלית... בּעסער איז, אַז מי מאַכט גאָר צו די אויגען און מי קלערט גאָרנישט. פאַרקערט, וואָס איז דאָס אַלץ? זעהט איהר, אָט דאָ אין האַרצען האָב איך מיר אַריינגעשריבּען אַ פּאָר ווערטער... דאָס זאָג איך אָבער קיינעם נישט אויס, בּיז איך וועל נישט שטאַרבּען. אַז איהר וועט זיין אין מיינע יאָרען, וועט איהר אַלץ פאַרשטעהן. איך קען אייך און איך וויים, אַז איהר לאָזט זיך נישט נאַרען. השגחה! מי זאָגט, אַז גאָט איז גערעכט, יאָ, מי זאָגט...

האָב איך אויסגעהאָדעוועט פיר בּנים, איינער גרעסער פונ׳ם אַנדערן, און האָב זיי אַלע חתונה געמאַכט און זיי האָבען אַלע ווייבער מיט קינדער, און האָבען זיי מיר פריער

כלומפערשט געהאָלפען און אַצינד מסחרן זיי אַליין. ווען נישט איך, דער טאַטע, וואָלטען זיי אַלע געמעגט שיין אָנשפּאַרען. פון מיין טבע האָט קיינער פון זיי נישט אַ פּיצעל. וויל איך פאַרקויפען די שטוב (וואָרום איך קען נישט מער האָרעווען, און אַז סי קומט ווינטער, לייד איך אַף די פיס; נישט איינמאָל האָבען זיי מיר אָבגעפּרווירען, זיי האָבען געגנוג אָבגערינט), — לאָזען זיי מיך נישט, די פיר קדישים מיינע, און ווילען מיך שלאָגען. יאָ, צו פערציג יאָר וואָלטען זיי געמעגט מיט מיר אָנהייבען. נאָך היינט בין איך קיינעם נישט מקנא, אַז איך בין איהם מכבד מיט אַ פּאַטש און סי רינט ראָס בלוט ביז איבער׳ן מויל און אַף די ציין. אָבער זיך געהן מיט זיי שלאָגען, שאַנעוועט מען ראָס ביסעל כחות.

כיבוד־אב, שענק איך אייך. משה־רבינוס חומשל איז היינט נישט קיין גרויסער פּריץ, און אַז מי איז נישט מעביר די סדרה, געהט מען נישט אַף דריי חדשים אין טורמע. איך וועל זיך נישט געהן מאַכען נאַריש און זאָגען: פע! אופהייבען די האַנד קעגען אַ טאַטען! האָט אייך צען מאָל אַ שוואַרץ יאָר, אָבער לאָזט מיך פאַרקויפען די שטוב! פאַרקערט, איך גיב אייך אַליין צו פופציגער, פאַרזוכט אַ שטיקעל ירושה ביי מיין לעבען, אָבער לאָזט מיך טון מיינס!

וואָס־זשע וויל איך אייך בעטען? שיקט אַריבער צו זיי און טוט מיט זיי אַ רעד. רופט דעם דריטען מיינעם,

בּנימינען, ער איז זייער אילעמענס קאָפּ, און צווישען אונז רערענדיג, שכל האָט ער פאַר אַלע פיר, און אָט דעם גיב איך פינעפאונאַכציג קאַרבּען... שיקט נאָך איהם, רבּ יוסעל, אַוודאַי איז אייער טאַטע דער רב אין שטאָט און סי איז זיין זאַך, אָבּער פאַר אייך וועלען זיי האָבּען מער דרך־ארץ.

# אָהן אַ שדכן

פונקט נאָכדערציילט

זעהט איהר, איך בין אַ יוד אָהן חכמות, און אַז דאָס מזל איז נישט אַזוי גוט, ווישט מען אָב די ליפּען און מ׳ געהט ווייטער. וואָס איז דער מענש היינטיגע צייטען? ער איז אַפילו נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט איהם. גאָט האָט אונז אַלע געשטראָפט, ווייל מיר יורען זענען אַ עם־לא־היה. בּיי זיך אינדערהיים זיצט איטליכער אויבּענאָן און האָט נישט אַ זעקסער פון אַ מטבע און די וועלט איז אַ פאַרקערטע און סי גלוסט זיך נאָך געהן מיט׳ן קאָפּ אַראָבּ. — די ווייבּער זענען אַנ׳אַנדער מין מכשפות, געהן אָנגעטאָן אין ווייסע קאָפּטלעך, און דעם ערשטען זומער נאָך דער חתונה איז מען קוציניו־מוציניו און דערנאָך ציהען זיי דיר אַרויס דעם מאַרך פון די בּיינער. איז איהר טאַטע געוועזען אַ בּעל־מלאכה, ווי די ערשטע מיינע, בּיזטו אין זייערע אויגען דער ריינער סמ״ך־מ״ם. איז זי חס־וחלילה גאָר פון אַ בּעל־הבּתּישער שטוב און זי האָט געזעהן בּיי איהר טאַטען אַמאָל אַ זילבּערנעם לעפעל, בּיזטו מיט דיין לעבּען נישט מער זיכער, און צען מאָל אין טאָג ווועלען זיי דיר אופוואַרפען, אַז סי איז געווען פאַר זיי דאָס גרעסטע אומגליק, אַז זיי האָבּען ד י ך גענומען, און אַז זיי וואָלטען דיך נישט געווען גענומען, וואָלטען זיי געקענט נעמען אַ

מאַן מיט פּרנסה, און אַ זיידען טיכעל אויך, און וואָלענע מייטקעס אויך. איך פרעג אייך אַליין, וואָס זאָל איך טון, וואָס זאָל איך, נחמן רבקה׳ס, טון? אַ יור פון פערציג יאָר און חיונה מיט דריי קנייטשען און זיבען לעכער און אַ זון און צוויי טעכטער, קיין עין־הרע. מילאָ, ער איז אַ פּראָסטער יונג, דער מאַמעס אַ זון מיט די ביינער, אָבער זיי, מיידלעך, דערוואַקסענע מיידלעך, פרעגט איהר, צי זיי זענען שיין? אַוודאי זענען זיי שיין, און אַפילו אַז מי איז נישט שיין, אַז מי צוואָגט זיך אויס און מי טוט אָן אַ ריין קלייד און מי האָט צו געבען דעם פופציגער גרן במזומן, קען מען שוין אַ חתן געפעלען. אָבער אָט דאָ איז די קשיה, פון וואַנען נעמט מען אָט־אָ־דעם פופציגער? צו הלבשה איז ניטאָ קיין גבול: אַזאַ עושר, ווי איך בין, צוויי שאַפעס שטעהן ביי מיר און אַלע ביידע זענען זיי ליידיג, אַ חוץ שמאַטקעלעך נאָך פון דער חתונה־צייט, וואָס זענען נישט ווערט אַ דרייער.

דעמאָלט האָב איך נאָך געהאַט אַביסעל צוגעקנעלט. עפּעס האָבען מיר די לייט אין שטאָט איינגערעדט, אַז איך בין אַ בריה אַף פּסוק. די גאַנצע וואָך האָב איך געהאַקט האָלץ מיט די פּויערים און אַז סי איז געקומען צום צאָלען, האָבען די טאַטעס געזאָגט: וואָס? פּאַר פּסוק מוז מען אויך צאָלען, סי איז דאָך לחלוטין נישט קיין גמרא... אַז איך וואָלט נישט געהאַלטען דאָס קלייטעל מיט אַ ביסעל צוקער, צימערינג, עסיג, גאַז, וואָס האָט געציקעט, וואָלט איך מיט די קינדער געהאַט אַ שיין פּנים. אַ שאַפּקעלע פון צעלניק

איז ביי מיר אויך געווען אין קלייט: קנעפּלעך, באַנ־ווּעלעך, נאָדלען. אָט־דאָס שאַפּקעלע האָט מיר אָבגעקאָסט אַ האַלב לעבען. וואָרום אילע מאָל האָט נישט געסטאַיעט קיין סחורה. און די גרויסע קרעמערס האָבען אַ טבע, אַז זיי ווילען נישט געבען סחורה אָהן געלד; און אַז איך שווער מיך צען מאָל אָב, אַז איך וועל זיי באַצאָלען, ווען איך וועל לייזען, איז ביי זיי מיין וואָרט אַזוי פיל ווערט, ווי די בלאָטע. און אַף דעראמתן, שענקען וויל קיינער נישט. אָבער זי, די קליפּה מיינע, איך זאָג אייך, אַז סי איז גע־קומען אַ סמאַרקאַטע מיידעל און האָט געוואָלט האָבען דריי העקעלעך און סי איז אַף־צו־להכעיס נישט געווען, האָב איך מיך געמעגט אָבגעזעגענען מיט'ן לעבען. אַ פּיסק מיט טויזענד קללות, מילאָ, שעלט און פאַרברען דיר די ליפּען שעלטענדיג, אָבער געה אין קלייט אַריין, פּערל. ניין! זאָל בתיה געהן. בתיה הייסט די עלטערע מיינע און דווקא נישט די מיאוסע. מילאָ, אַז זי זיצט אַליין אין קלייט, קומט אַריין אַ טשיקאַווער יונג בלומפּערשט עפּעס קויפען און אַפ'ן מאָרגענדיגען טאָג קומט ער נאָכאַמאָל. אַז אין קלייט איז שטענדיג די טיר אָפען און איטליכער קען קומען. טראַכט מען זיך: וואָס, מן וועט זי אויסחאַפּען? איז זי עפּעס אַ בייגעלע, וואָס מי לעגט דאָס אַריין אין קעשענע? אָבער היינטיגע יאָרען, איהר פאַרשטעהט?

אַז זי זיצט אינדערהיים און ווערט פאַרחושכט און מוז שאָבען און וואַשען, האָט זי אַוודאַי נישט אין זינען קיין פּוסטע זאַכען. זיצענדיג אָבער אין קלייט, איבערגעטאָן, קומט אַריין

רער פּוסטאָפּאַסניק, קויפט זיך אַנ׳אַכטעל טיטון, דרייט אַ ציגאַר און זאָגט: האָט איהר אַ שוועבעלע, באַרישניע? באַרישניע! אָט אַזוי שמועסען זיי בּיי אונז בּיינאַנד דער נייער דור! איהר וועט דאָס נישט גלייבּען, בּיי אונז אין שטאָט רוקאַיעט מען זיך שוין. אַפילו דעם רבּס שנור איז זיך אַ גאַנצע וואוילע. יאָ, יורען זענען אַף אַ שיינעם שטיינער. דער רבּונו־של־עולם האָט געגונג צו זינגען און צו זאָגען.

האָט נישט קיין פּאַראיבּעל, רבּ יוסעל, איך וויל מיך אַבּיסעל אַנידערזועצען. מי זאָל נישט זינדיגען מיט די רעד, איך הוסט שוין ניין יאָר. מיינע, די הולטאַיקע, האָט מיך עפּעס אינזינען, מאַכט זי מיר אַ גלעזעל וואַרעמס אינדער־צייט? איהר ווילט אַוודאַי ויסען, וואָס סי געווען דער סוף פון דער מעשה. וואָס זאָל איך פון אייך לייקענען? אין שטאָט האָט מען אָנגעהויבּען רערען... מיינע אויגען האָבּען אַליין געזעהן, ווי זיי בּיידע שושקען זיך. האָבּ איך זי אַ פרעג געטון: וואָס האָסטו דיך מיט אַזוינעם צו שושקען? איז פון איהר נישט אַרויסצוקריגען אַ וואָרט. הייבּ איך מיך אָן צו בּייזערן, הייבּט זי זיך אוף און שטעהט אוף פון׳ם טיש. געה איך איהר נאָך און זאָג איהר: בּתיה, זאָג, וואָס האָסטו מיט איהם, לאָמיך הערען. שטעלט זי זיך אַנידער נעבּען פענסטער און הייבּט אָן צו וויינען. אַ קלאָג צו מיינע יאָר. און די מאַמע, אַזאַ מרשעת, איז אַף איהר זייט און הייבּט מיך אָן צו שעלטען, און ערשט נעכטען האָט זי מיר אָבּגעד־

געסען די גאַל, פאַרוואָס איך שווייג! גאָרנישט: אַ פאָטער זעהט אַ טאָכטער ווערט צעלאָזען און שווייגט. — אָבער וואָס וועט מיר העלפען? האָב איך געהאַט אַ גוטען פריינד, בין איך אַריבערגעגאַנגען צו איהם און געפרעגט שטילערהייט אַנ׳עצה, וואָס טוט מען? זאָגט ער: טו אַ שידוך מיט איהר און גיב איהר אַ מאַן מיט פרנסה, וועט זי נישט האָבען אינזינען קיין נאַרישקייטען. יאָ, סי איז גרינג אַזוינס צו זאָגען, גיב איך זי איינמאָל ווידער אַ פרעג — פלאַצט זי אויס: זי וויל דעם משרת־יונג, חאָטש געה, שריי חי־וקיים און לעג איין די וועלט.

איך פרעג אייך אַליין — פאַסט דאָס עפּעס פאַר מיר, אַז אין מיין שטוב זאָל מען שפּילען ליבעס? יאָ, אַזוי זאָגען זיי, הייסט דאָס. ווער סי האָט דאָס אויסגעטראַכט מיט די אַלע מעשיות, זאָל איהם קיין גוטער יור נישט קענען.

איך וויל אייך דערציילען בקיצור. מיין ווייב האָט געחלשט. איך האָב שיר נישט פאַרלוירען דעם זין, חאַפּ, לאַפּ! ער נעמט זי, ווי זי שטעהט און געהט. אַ חתונה, אַף קיין שום יורען נישט געזאָגט געוואָרען, אַ חופה, מישטיינס געזאָגט, און די כלי־זמר — סי כליזמרט זיך מיר אין האַרצען און אין קאָפּ און אין די קישקעס. דעם רב רופט מען אָב אָן אַ זייט. מיר מעגען אונז אַפּ׳ן אָרט באַגראָבען... נאָך פינעף חדשים מיט דרייצען טעג האָט זי געהאַט אַ ינגעל. איהר קענט אייך אויסמאָלען, וואָס מיר האָבען געהאַט אויסצושטעהן, גראָ און אַלט בין איך געוואָרען. מיט׳ן חדר איז אויס.

איך זאָג אייך, רבֿ יוסעל, סי איז אַ וועלט מיט צרות. דאָס לעבען איז קיין שום פּולווער נישט ווערט. און דאָס קלייטעל איז פון רעמאָלט אָן גענעקט... מי מוטשעט זיך גענוג. ווילט איהר מיר לייהען פופציג קאָפּיקעס ביז דאָנערשטיג? מי האָט מיר געזאָגט, אַז אייער ווייב איז אַ וואַרשעווער, טאָמער האָט איהר ביי זיך אַ ציגאַר?...

# זכות־אבות

אַ יוד פאַר זיך

פאַראַיאָרען האָט זיך מיר געטראָפען אַזאַ מעשה. איך געה פונ׳ם טויג און גיב אַ קוק: סי שוין שפעט. איהר קענט אונזער פריץ, אַ וואוילער מענש, זאָג איך אייך, און האָט נישט פיינט אַ יודען; זי די פריצה, אַז זי דערזעהט מיך, איז גאָר אַ פרייד: אַך, פאַניע שמערקאַ, — ווי איהר זעהט מיך לעבען. בין איך עפעס אַ קצין? אָבער איך בין אַנ׳אָפען מענשעל און שעם מיך נישט מיט׳ן קבצן... גיט גאָט דעם פערציגער, איז גוט, גיט ער נישט, וועט ער געבען. ער איז ביי מיר אַ בטוח... קיין חאַבאַר נעם איך נישט, פאַרשטעהט איהר מיך, איך בין אַנ׳איירעם ביי אַ סאָטסקי. יודישע קינדער, זאָג איך זיי, געוואַלד געשריען, וואָס טויגען אייך די מאַכערס און די וויבאָרעס און אַלע זיבען זאַכען? דערווייל בין איך אַראָב פונ׳ם ענין... אַז איך בין דעמאָלט געגאַנגען פונ׳ם טויג, האָב איך מיר גע־טראַכט ביי זיך: שמערעל, גיב אָב חשבון דיר און דיין ווייב און דיינע קינדער, צו וואָס האָט דיר געטויגט צו האָבען אַ חלק אין דעם געגנבעטען פערד... אַי, ווער זאָגט, אַז סי איז געווען פון אַ גנבה? בין איך עפעס אַ מענש, וואָס האַנדעלט מיט אַזוינע זאַכען? אָבער גלאַט כשר איז דאָס אויך נישט געווען; והא־ראיה, מי גיט אַף דיר אָן און מי

רופט דיך צום סודיאַ. אַזוי האָב איך מיט מיר געטענעט, און בין נישט געקומען צו אַן עק. — דערווייל ווערט פינ־סטערליך און מרה־שחורהדיג, מי איז דאָך אַ מענש, וואָס האָט געזינדיגט. — חזיר האָב איך אַוודאי נישט געגעסען און ראַווען תמיד בציבור, אָבער אַז מי האָט נישט, און סי טרעפט זיך, אַז מי קען יאָ האָבען... איהר פאַרשטעהט, אין השגחה איז גוט צו גלייבען, אַז מי האָט דאָס זיידען גאַרטעלע און מי זיצט זיך אָב די פּאָר שעה אין מזרח און דערנאָך קומט מען אַהיים און דאָס ווייב גיט דעם גוטען אָנבייסען. אַז מי האָט פרנסה בשפע, מעג מען אַלץ טון, און ווער קוקט אַף דעם ביי די רייכע; אָבער מיר פּראָסטאַקעס! האָסט גענומען דעם דרייערל און מי האָט דאָס נישט געטאָרט נעמען, געה אין אָסטראָג אַריין און זיץ... מילא דאָס בין איך אייך מוחל, אָבער די גביות־ערותן און דער גאַנצער טאַראַראַם, צוערשט ביים פּריסטאַוו, און דערנאָך ביים סליעדראָוואַטיעל. הייבט זיך אָן אַ סרחה מיט אַנ׳אַרוואָקאַט, וואָס איז אַליין אַ גנב און אַ רוצח, אָבער מיט זיסינקע רעד, און דערנאָך אַ גאַנצען טאָג אין סור; איך זאָג אייך, איך בין שיר ניט משוגע געוואָרען. מאָלט אייך אויס, מענשען מיט שכל זעצען זיך אַנידער אַף צען שעה כסדר און מי פרעגט און מ׳י שרייבט און מי רופט אויס, איטליכער הייבט אוף די אויגען אַף מיר און קוקט מיך אָן, ווי ווען איך וואָלט געוואָלט באַפאַלען מענשען אינמיטען וואַלד. מיין ווייב שטעהט אין אַ ווינקעלע און ציטערט. עפּעס הער איך: מי לייענט דעם פּראָטאָקאָל,

נישט געשטויגען און נישט געפלויגען! פרעגט מ י ך, ווי אַזוי די מעשה איז געווען. און גיט מען מיך אַ פרעג, ענטפער איך פּונקט קאַפּויר. וואָס רעך, דעם אמת וועל איך זיי זאָגען? אַ מכּה אין זייערע ביינער! נעמען אַ יורען פון פערציג יאָר, וואָס האָט נאָך קיינעם נישט געקרימט אַ האָר, און מוטשען איהם... אַקיצור דריי הרשים טורמע מיט דרייצען טעג — אויסגערעכענט! מי זאָגט מיר, איך זאָל אָנגעבען אַנ'אַפּעלאַציע; אַי מיין ווייב און די קינדער, ווער וועט זיי דערווייל געבען צו עסען? מילאָ אַז מי זאָגט זיצען, העלפט נישט. דאָרט טרייבט מען נישט קיין קאַ־טאָוועס... קום איך אַרויס, הייבט אָן מיין מחותן, סי שטעהט איהם נישט אָן צום שידוך; איהר פאַרשטעהט אַנ'עסק? ער האָט נאָך צו מיר טענות, איך האָב איהם גענגעבען אַ יונג מיט ביינער און ער מיר אַ דאַר מיידעל. אָבער וואָס העך איך דעם לעקיש? אין ,שומר־לבוקר' פאַרשטעהט מען אַנדערש דעם פּסוק: מי נעמט מיך אויף, ווי ווען איך וואָלט אַראָבגעפאָרען פון אַמעריקע: אַ ברייטען שלום־עליכם מיט אַ מפטיר און מיט קידוש. אַי וואָס געלד, אַ רוח אין זייער טאַטען אַריין! אָבער אַ שנאה אין האַרצען טראָג איך אַף די גזלנים, חאָטש בעסער איז מיר פון דעמאָלט אָן און איך בין נישט מער גאָלע־קבצן. אַי, פונוואַנען נעמט מען? גאָרנישט, זכות־אָבות.

# אַ קניפּעל

פונ׳ם בעל־מעשה אַליין

ובכדי איהר זאָלט וויסען פונ׳ם טאַלנער, וועל איך אייך דערצײלען דעם גאַנצען ענין. די מעשה איז אַזוי געווען. איך אַליין בין, לא־עליכם, אַ חשוך־בנים; מיין מאַמע האָט מיך געהאַט צו דרייצען יאָר נאָך דער חתונה. מיין טאַטע איז געווען אַ נגיד, אַ ירושה האָט ער מיר געלאָזען, — נישקשה; טון טו איך גאָרנישט כל־ימי, אַביסעל עיסקאָ, מילאָ. ווייבער האָב איך געהאַט אַ חוץ דער היינטיגער, צוויי. ליב האָב איך זיי אילע געהאַט. איטליכע יורענע האָט זיך איהר טבע. די ערשטע איז געווען אַ גוטע, אָבער גאָלע רוחניות, מילאָ; די צווייטע איז געווען אַ הויכע, אָבער די לעצטע יאָרען איז זי געווען תמיד שלאַף, אַף איהרע רפואות האָב איך מיך אַ סך אויסגעבראַכט. די לעצטע איז קיין עין־הרע אַ מאַשין. זי איז אַפילו פאַר מיינע יאָרען צו יונג. אַ יור, וואָס האָב איך פריער באַראַפּט? אין מיינע יאָרען אַ שיין ווייב! איך זאָג אייך, פרעגט מיך, מילאָ. נישט דאָס בין איך אויסען. האָט זי געהאַט אַ פּלעמעניק, איז ער צו אונז געקומען צו פאָרען, האָב איך איהם געגעבען אַף הוצאות און האָב איהם געזאָגט: אַ יונגערמאַן מוז עפּעס

טון, וואָס איז שייך, פּאָרט ערגעץ און זוכט אַייך אַ שטעל. בּיי מיר אַליין איז אַפילו דאָ אַ שטיקעל שרייבער. טאָמער מיינט איהר, איך בּאַדאַרף איהם האָבען נייטיג? נאָר אַז ער איז דאָ, שרייבּט ער די קוויטעס. היינטיגע יאָרען מוז אַלץ זיין פּאָרמענע. איך גיב איהם דריי רובּל אַ וואָך און אַמאָל אַ העמר און פלודערן פון מיר. מיין ווייב האָט ליב מיט איהם צו רעדען, ער איז טאַקי נישט קיין נאַר!

ויהי־היום, איך האָב געמוזט פּאָרען קיין קרעמענטשוק אַף דריי טאָג. האָב איך איהם געזאָגט: שמערל, אַז דו ווילסט, קענסטו נעכטיגען אין דער גרויסער שטוב. דער־וויל איז דאָס אַ שטוב מיט זילבּער, אַ יודענע אַליין איבּער־לאָזען, די רינסט איז אויך אַ נקבה — וואָס איז שייך? אָט אַזוי בּין איך אָבּגעזעסען אין קרעמענטשוק אַ גאַנצע וואָך. דערנאָך בּין איך געקומען אַהיים, מיין ווייב איז געווען אַוועקגעגאַנגען, און די רינסט האָט מיר דערלאַנגט די ציקאָריע און איז געבּליבּען שטעהן בּיי דער טיר. האָבּ איך צו איהר געזאָגט: דו, נעסי, פּאַרוואָס שטעהסטו דאָ? האָט זי זיך אָנגעהויבּען צו קראַצען אין דער לינקער בּאַק. איך הייב מיך אויף פון בּענקעל און זאָג צו איהר: נעסי, דו ווילסט מיר עפּעס זאָגען? זי שווייגט און האַלט זיך צו בּיים מויל, דערנאָך הייבּט זי אָן: נייז, בּעל־הבּית, אַז איך וואָלט געווען געשוויגען, וואָלט עס געווען אַ זינד; אַז איך זאָג אַ ליגען, זאָל מיך די ערד נישט צונעמען. אייערנעכטען, איך האָב שוין האַלב געשלאָפען, האָב איך געהערט עפּעס שאַרען מיט די פיס, איך הייב מיך אויף, דאַכט זיך מיר —

סי שטעהט אַ מענש אין תחתונים, איך פאַרשטעל מיט דער האַנר די אויגען און קוק דורך די פינגער; ניין, בעל־הבית, ווייטער רער איך נישט, איהר זאָלט מיך אַפילו צעשניירען אַף שטיקער. — איז דאָס געווען שמערעל? יאָ. — ער איז געגאַנגען אין מיין ווייבס חדר? יאָ. — דו ביסט אַ חצופה, פאַרשטעהסטו, אַרויס פון מיין שטוב. איך האָב אָבער זי צוגעהאַלטען און געזאָגט: נעסי, פאַרשטעהסטו, רערען רער נישט, איך וועל עס דערציילען דער בעל־הביתטע, וועסטו האָבען אַ מיאוסען פסק. טאַקי אַליין בין איך געבליבען זיצען, ווי דערשלאָגען. מרה־שחורהריג בין איך קיינמאָל נישט געווען, אָבער אַזאַ זאַך דערנעמט. —

בתוך־כך איז זי אָנגעקומען, זי איז געווען אין מאַרק. אַף־צו־להכעיס האָט איהר דאָס טיכעל זעהר גוט געפּאַסט. — האָסטו שוין געטרונקען ציקאָריע? פרעגט זי. איך לאָז אַראָב די נאָז און האַלט זי צו מיט דער האַנד, כדי זי זאָל עס נישט דערקענען. איך גיב אַ קוק אַף איהר און טראַכט מיר: צו וואָס האָט דיר געטויגט דיין פאָרען? מילא, איך נעם דעם טלית־און־תפילין און געה דאַווענען. תמיד בלייב איך נישט לאַנג זיצען אין קלויז. דאָ שטעהט נעבען מיר דער רב, אַ וואוילער יוד און אַ גוטער. ער זאָגט צו מיר נאָך דעם דאַווענען: רב הירש, איהר האָט עפּעס אַפּ'ן האַרצען. איך לעג צונויף דעם טלית און לעג אַריין די ציצית, מילא, אַ יוד, סי זענען דאָ אַ סך זאַכען. אַז איך בין מיט איהם געגאַנגען פון קלויז, האָב איך איהם מגלה גע־ווען דעם סוד. מיין רב זאָגט צו מיר: אַוודאי, סי איז אַנ'ענין,

אָבער דאָ אין שטאָט, פאַרשטעהט איהר מיך, אַ דין־תּורה געהט נישט, איך וויל בעסער נישט פאַרדינגען, פאָלגט מיך און פאָרט מיט איהר צום רבין, קיין טאַלנע. איך טראַכט מיר, אַז מי זאָגט, פאָלגט מען. אַ פור האָב איך גע־האַט אַ גוטע, בײ דוידן, ווייסט איהר. נאָר אַפ'ן וועג איז מיר געווען זעהר פריקרע; איך האָב אַפילו חשק געהאַט זי אָנצונעמען בײ דער האַנד, נאָר האָב איך מיר געזאָגט: יצר־הרע, דאָסמאָל וועסטו בײ מיר נישט פועלן. אַז מי פאָרט צום רבין, מוז מען איהם געבען אַ שיין קערבעל, דאָסמאָל האָב איך איהם געגעבען צען קערבלעך מיט אַ קוויטעל, און האָב איהם בעל־פה דערציילט די מעשה. דער טאַלנער, דער אַלטער, איז געווען אַ חכם, ער איז גאָר נישט נבהל געוואָרען, ער האָט מיר נאָר געזאָגט: געה אַף דער סטאַנציע און שיק מיר דיין ווייב. אַז זי איז געקומען, האָט ער זי געפרעגט: וויפיל גיט דיר, למשל, דיין מאַן אַ וואָך, ער ניט דיר דאָך וואָכגעלד? אַזוי האָט ער צו איהר גע־זאָגט. — פופצען קערבלעך, האָט זי געזאָגט. — גיסטו דאָס אויס אינגאַנצען, צי דו לאָזט דיר עפּעס, מיר מעגסטו אויסזאָגען דעם אמת. — יאָ, רבי, אַ דרייערל לאָז איך מיר, אַמאָל מער. וואוהין טוסטו דאָס דרייערל אַהין? — איך באַהאַלט עס אין אַ זאָק. מיין מאַמע, עליה־השלום, האָט אויך געהאַט אַ קניפּעל, זי האָט מיר דאָס אָנגעזאָגט... — האָסטו שוין אַ סך געלד? — איך וויים עס נישט, רבי, אַלע יאָר ווערט עס פולער. — וואו באַהאַלטסטו עס? — אונטער דעם איבערבעט בײ איהם, בײ מיר קען ער אַמאָל זוכען.

— האָט שמערל געזעהן, אַז דו באַהאַלטסט עפּעס? אפשר יאָ, ווייס איך, אַז יענער איז כּסדר אין שטוב. — פאָר אַהיים און גיב אַ קוק. —

איך וויל אייך דערציילען בקיצור. דער זאָק איז נישטאָ. האָט מען זיך גענומען צו שמערלען, האָט ער זיך מודה געווען און האָט געבעטען רחמים: ער דאַרף חתונה מאַכען אַ שוועסטער, אַ דערוואַקסען מיידעל פון נײַנצען יאָר.

דער טאַלנער, זכרונו־לברכה, איז טאַקי געווען דער גרויסער חכם, אַ מלאך־אלהים, אַז די וועלט זאָגט, זאָל מען גלייבען.

# חזיונות און אַנדערעם

# איבערגעלעבט

א מעשה

הערט אַזאַ מעשה, וואָס האָט זיך מיר געטראָפען פאַר־אַיאָרען אין אָנהייב ווינטער. איך בין געגאַנגען פון דער מיל שפּעטלעך בײנאַכט. שוין דעם גאַנצען טאָג איז מיר געווען עפּעס שווער, און אַז איך בין אופגעשטאַנען אינדערפרי, האָב איך מיר געטראַכט: היינט מוז עפּעס געשעהן. אַ יונגערער ברודער פון מיר איז אַוועק קיין אַמעריקע שוין מיט דרייצען יאָר צוריק. מיין ווייב זאָגט מיר ביים עסען: הירשעל, דו האָסט עפּעס אין זינען! און אַז איך בין גע־שטאַנען נעבען דעם קאַסטען אין מיל, האָט זיך מיר פאַר־טשעפּעט דער עק פון פּאָלע און האָט מיך שיר נישט מיט־געריסען מיט'ן רעדעל, ווען דער מאַראָטשניק וואָלט נישט געווען צוגעשפּרונגען און וואָלט מיך נישט אַ חאַפּ געטאָן. דאָס דרייען און קלאַפּען אין מיל, דאָס מאָלען פון די וואַלצען האָט ביי מיר דאָסמאָל אַרומגעטאַנצט אין קאָפּ. דאָס וואַסער איז געווען שטאַרק. אָסיען! און אילעמאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזען: אָט רייסט זיך אויס אַ זאַסטאַווקע און דאָס וואַסער פאַלט אין קעלער אַריין. אַזוי בין איך געגאַנגען פון דער מיל און האָב אָנגעהויבען צו טראַכטען, וואָס איז מיט מיר היינט. אַ קליין לאַמטערנדעל האָב איך געטראָגען און אַ שטעקעל אין דער האַנד פאַר די הינט. אַ שאַרף ווינטעל

האָט געבלאָזען און האָט מיך דורכגענומען; עפּעס נאָס איז אויך געווען און די שטיוועל האָבען זיך דורכגענעצט און איך האָב מורא געהאַט, איך זאָל מיך נישט פאַרקילען. איהר קענט שמואלן, שמואל לייצים? ער האָט זיך אויך פאַר־קילט אין אַ קאַלטער נאַכט און סי האָט איהם אַוועקגע־חאַפּט נאָך ניין טעג און געלאָזען האָט ער אַ ווייב מיט אַכט קינדער. איך מוז אייך זאָגען דעם אמת, אַז חאָטשי איך בין נישט קיין טרוס, האָט מיך דאָסמאָל אָנגעהויבען צו האַרען, פאַרוואָס איך האָב שוין לאַנג נישט געזעהן, צי די ציצית זענען נאָך כשר... איהר פאַרשטעהט, עפּעס ראַכט זיך מיר, אַז איך געה שוין צו לאַנג, און ווערליג מיין רעכענונג, וואָלט שוין דאָ געמוזט זיין דער קלויסטער; איך געה אָבער ווייטער, און דער קלויסטער איז נאָך נישטאָ; הייב איך אָן צו טראַכטען, טאָמער בין איך מיך טועה און געה גאָר פאַר־קערט, ווייס איך אָבער, אַז דאָס קען נישט זיין, וואָרום ערשטענס, בין איך שוין אין מיל דרייאונצוואַנציג יאָר און קיינמאָל האָט מיט מיר דאָס נאָך נישט פּאַסירט. און דאָ איז שטאָקפינסטער, נאָר דאָרט פון ווייטען שיינט עפּעס פון אַ הייזעל. איך הייב אָן צו באַרעכענען, וואָס פאַר אַ הייזעל קען דאָס זיין, וואָרום איך קען אונזער שטעטעל אַרום און אַרום און ווייס דאָך נישט. זאָג איך מיר: איך מוז צוגעהן צו דעם הייזעל, וואָרום איך האָב מיך פאַרבלאָנדזעט. איך פּרוב צוצוגעהן. ראַכט זיך מיר, אַז איינער האַלט מיך פון הינטען. איך טראַכט מיר: איך מוז מיר מאַכען קוראַזש און זיך נישט דערשרעקען, אַ גזלן קען עס דאָך נישט זיין און טאָמער ווייזט

זיך דיר גאָר אַלץ אויס. איך דריי מיך אום און איך שטעה אַלץ נעבען מיל, ווי ווען איך וואָלט נאָך גאָרניט געגאַנגען. דאָס וואַסער רוישט און שלאָגט און איך וואונדער זיך, ווי אַזוי איך האָב דאָס פריער נישט געהערט. וויל איך פּרובען געהן צוריק און רופען דעם שומר, קען איך מיך נישט רירען פון אָרט, די פיס זענען מיר ווי צוגעשמידט. איך האַלט מיך צו ביים געלענדער און וויל מיך אַליין גובר זיין, הייבט זיך אויף דער געלענדער מיט מיר און מיר שווימען אַף אַ שיפעל אינמיטען טייך. דאָ איז מיר גע־וואָרען גאָר משונהדיג און איך האָב אַנגעהויבען בעטען גאָט, ער זאָל מיר עפענען די אויגען און מיר ווייזען, וואו איך בין. און דאָס שיפעל רוקט זיך, סי איז נישט מער אַזוי פינסטער. איך קוק אַפ׳ן הימעל, און ער איז אויסגעשטערנט. מיר בין איך, אַז איך האַלט מיך קוים, אָבער איך האָב מורא איינצושלאָפען, וואָרום איך זאָג מיר, אַז איך וועל איינשלאָפען, וועל איך דערפרוירען ווערען. איך האָב מיר אָנגעהויבען אויסצומאָלען, אַז איך האָב פינעף קינדער זאָלען לעבען, און וואָס טראַכט איצט מיין ווייב, ווען זי זעהט, אַז איך קום נישט. און טאָמער געהט זי מיך זוכען און ווערט אויך פאַרבלאָנדזעט...

דאָ האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב נאָך ביי מיר אַביסעל טאַבעק; איך מאַך מיר אַ ליולקע און פאַררייכער זי ביים לעמפּעל, בלאָזט זי דער ווינט אויס, און אַ שוועּ־בעלע האָב איך נישט ביי מיר. תמיד טראָג איך ביי מיר שוועבעלעך, און היינט אף־צו־להכעיס האָב איך נישט קיין

שום שוועבעלע. און דאָ פיל איך די קעלט אין אַלע גלידער און צעבּרעך מיר דעם קאָפּ: וואָס איז געשעהן? זאָל איך זאָגען, אַז נישט־גוטע פירען מיך אין זייער וועג, — אָבּער צו וואָס בּאַדאַרפען זיי אַ יורען אַ מילנער? און דערצו ווייס איך נישט, צי איך שלאָף און סי חלומט זיך מיר אַלץ, צי סי איז אַלץ אַף־דער־אמתן. איך וויל מיך אופהייבּען און קען נישט, איך וויל אָנהייבּען רעדען צו מיר און די צונג איז מיר שווער. איך קאָן אייך נישט אויסמאָלען, וואָס פאַר אַ פּחד סי איז אַף מיר געפאַלען, און ווייסען ווייס איך נישט, וואו איך בּין, און וואָס סי טוט זיך מיט מיר, און אויב סי וועט זיך טרעפען אַ נס, אַז איך וועל נאָך קומען אהיים...

און ווי איך זיץ מיר אַזוי, הער איך אַ געשריי פון דער ווייטען, איך קוק מיך אום און זעה אַ פייער, און מיר דאַכט זיך, אַז אַ מענש דרייט זיך דאָרט אַרום. איך בּין פאַרגליווערט פון שרעק ווי אַ שטיין, און מיר ווייזט זיך אויס, אַז דער מענש קומט צו אַלץ נענטער צו מיר, און וואָס מער איך זעה איהם צוקומען, איז ער אַלץ גרעסער. אַזוינע גרויסע מענשען האָבּ איך נאָך נישט געזעהן זינט איך לעבּ; איך טו אַ קוק: דאָס איז אַ ריז, אַ קאָנבּעלע מיט איין אויג... דאָ דערוועקט זיך אין מיר דער כּח און איך גיבּ אַ שפּרונג. ערשט האַלט איך אַ סלופּ, און איך האַלט מיך צו אַזוי שטאַרק מיט די הענד, ווי ווען איך וואָלט געוועזן צוגעוואַקסען. איהר ווייסט, וואָס סי איז געוועזן דער סלופּ? דאָס בּעט מיינס איז דאָס געוועזן. אַז איך האָבּ מיך אופגעכאַפּט אינדערפרי, האָבּ איך

נאָך מיט ביירע הענר געהאַלטען די וואַנט פונ'ם בעט.
אַזאַ חלום האָט זיך מיר נאָך קיינמאָל נישט געחלומט.
סי איז געווען אַזוי, ווי ווען איך וואָלט דאָס אַליין אַלץ
איבערגעלעבט.

# דער חלום

פרייטיג־צונאַכטס איז דאָס געווען, מיינע זיצט מרה־שחורהדיג ווי תמיד, זי איז לאַ־עליכם ווי דערשלאָגען, שוין פון נאָך דער חתונה אָן. אַ כלה, דאַכט זיך, איז זי געווען אַ פרייליכע און אַ פאַרשוין, אָבער אַז סי איז באַשערט. מי הערט ביי לייטען, אימיצער ווערט משוגע; זי, מיינע, אַפּ׳ן שכל איז זי קלאָר, אָבער אומעטיג. ניין יאָר מיט איהר אָבגעזעסען און געהאַט דריי קינדער — זי זאָל דאָס געבען אַ שמייכעל, זי זאָל זיך פּרובען אָנטון, ווי אַן׳אַנדער ווייבעל. זי קאָכט און באַקט און טוט אַלץ און איז דווקא אַ בריה. אָבער אַז ס׳י פאַלט אַף איהר אָן דער אומעט, איז דאָס נישט אויסצוהאַלטען. מאַלט אייך אויס, אָבזיצען מיט אַ מענשען עטליכע שעה און שווייגען ווי אַ שטיין; מילאָ אינ־דערוואָכען בין איך אייך שוין מוחל, אָבער אַז סי קומט שבת, צי יום־טוב...

די קינדער, אַלע דריי, זענען געשטאָרבען און מער האָבען מיר נישט, און אַז מיר זיצען אַזוי אַליין פרייטיג־צונאַכטס און די ליכט ברענען, פאַלט אַף מיר אַ פּחד. ווייס איך, מיר דאַכט זיך, אַז זי האָט אַצינד אַ בייזע מחשבה. אַזוי בין איך געזעסען אָט־אָ־דעם פרייטיג־צונאַכטס און איך האָב געהאַלטען דעם קאָפּ איינגעגראָבען אין אַ חומש,

געגאַנגען איז די סדרה וישלח... און ווי איך זעץ מיך אַפ׳ן בענקעל, זעה איך, אַז זי שטעהט אויף און געהט צו צו מיר, אַ לאַנג מעסער האַלט זי אין האַנד, איך וויים נישט, וואו זי האָט דאָס גענומען, און מיר ציטערט איטליכער אבר. זי קומט צו אַלץ נענטער צו מיר. איך וויל אופשטעהן פון בענקעל און געבען אַ געשריי, איז מיר אָבער דאָס לשון ווי אָבגענומען פאַר שרעק. זי שפּילעט מיר אָב דעם זשילעט און איך קען מיך נישט געבען אַ ריר. איך קוק זי אָן ווי זי האַלט דאָס מעסער, זי מאַכט מיר אויף דאָס האַרץ און גיט אַ שניט! אַ חידוש, סי רינט נישט קיין בלוט; זי שניידט אַלץ, נעמט מיר אַרויס דאָס האַרץ, נעמט אַרויס אַ נאָרעל מיט אַ פּאָרים און נעהט ווידער צו. איך גיב מיך אַ טאַפּ: צי איז דאָס נישט קיין חלום... איך זעה, זי האַלט מיין האַרץ אין האַנד און זעצט זיך צוריק אַפ׳ן בענקעל. סי קומט מיר פאָר, אַז דער חדר ווערט אַלץ גרעסער, די ווענט ריקען זיך און ריקען זיך. פּלוצלינג גיט עס מיך אַ שטופּ פונ׳ם בענקעל, און איך בין שוין נישט מער אין דעם חדר, נאָר נעבען אַ באַרג. איך חידוש זיך, וויאַזוי סי האָט זיך גענומען אַ באַרג, אָבער סי איז אַזוי. דאָ ווערט אַ ווינט און הייבט מיך אָן צו טראָגען אַלץ ווייטער און ווייטער... סי קומט מיר פאָר, אַז אין די פּאָר שעה בין איך אויסגעוועזן ימים־ומדבריות און דאָ וויים איך נישט מער, ווער איך בין און ווי איך הייס און פון וואַנען איך בין. די שטערען גלאָצען צו מיר, איך בין טויט־מיד. איך פאַל אַנידער און ווער אַנטשלאָפען, ווי אַ טויטער. אָבגעע־

שלאָפֿען בין איך צוויי טאָג כּסדר. און אַז איך האָב זיך אויפֿגעחאַפּט פֿאַרנאַכט צו מנחה־צייט, זעה איך, איך בין אין אַ גאָרטען מיט שיינע בוימער. מי זאָגט צו מיר: סי איז דער גן־ערן־התּחתּון. איך געה אוים פֿאַר חיות פֿון די ריחות. און ווי איך שטעה אַזוי און וואונדער זיך, וויאַזוי איך בין אַהער אַריינגעקומען, הער איך פֿון ווייטען זינגען אַפּ׳ן קול. וואָס זאָג איך אַ קול, עפּעס אַ מתיקות, אַזוי זים, ווי דער אמתער שיר־השירים מיט אַלע פּסוקי־דזמרה... און ווי איך געה נאָך דעם געזאַנג, דערזעה איך אַ שלאָס פֿון גאָלע מאַרמאָר מיט פֿענסטער פֿון בּאָרשטין און גילדענע טרעפּ. הונדערטער מענשען, אָנגעטאָן אין ווייסען, געהען אַרום און האַלטען ליכט אין האַנד און דאַווענען מנחה. וואָס זאָג איך דאַווענען, סי איז געווען אַ שבח צום בּורא, אַז איך צעגעה פֿון דבקות. דער קול, וואָס איך האָב איהם פֿאַרלוירען פֿאַר צוויי יאָרען, (איהר ווייסט דאָך, אַז איך בּין דער אומגליקליכער חזן), האָט זיך אומגעקערט צו מיר, און איך דערהייב מיין שטים און וויל אויך זינגען און דאַווענען. סי ציהט מיך צו געבען אַ געשריי אַפּ׳ן קאָס, אַז איך שטאַרב. דאָ שטעהט אויף איינער פֿון זיי, געהט צו מיר צו און זאָגט צו מיר: געה אַוועק פֿון דאַנען, דו טאָרסט נישט דאַווענען מיט אונז, דו האָסט אַ מום, דאָס האַרץ דיינס איז אַרויסגעשניטען, דו בּיסט אַ כּהן און אַ כּהן מיט אַ מום איז פּסול צו דער עבודה... ער האָט מיר גענעבען אַ פּיק אין נאָז און אַלץ איז פֿאַרשוואונדען. סי האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז איך קייקעל זיך בּאַרג אַראָב...

וואָס זאָל איך אייך זאָגען, אָט דער חלום האָט זיך
אין מיר געפּלאָנטערט אפשר אַ יאָר צען און נאָך עד־היום,
אַז איך מאַך צו די אויגען, קומט מיר פאָר, אַז איך זעה
דאָס אַלץ מיט מיינע אייגענע אויגען; איך האָב געהערט,
אַז איהר זענט אַ גרויסער חכם, אפשר קענט איהר מיר
פּותר־חלום־זיין...

# אַז סי רעדט זיך

טוט מיך איינער אַ חאַפּ און פרעגט פון הוילער הויט: פּעטער, וואָס איז אַ געראַנק? איהר זאָגט ראָך אַליין, אַז איידער איהר האָט עס אַרויסגעלאָזט פון מויל, האָט איהר עס געהאַט אַף דער מחשבה, וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ מין זאַך, וואָס איז דאָ, נאָך איידער מי רעדט וועגען דעם? דאָס איז דער געראַנק. וואָס־זשע הייסט געראַנק? פאַרוואָס־זשע האָב איך איהם היינט און נישט נעכטען? פאַרוואָס האָב איך היינט שפּעטער מיט אַ שעה אַנ'אַנדער געראַנק, צי טאַקי תוך־כדי־דיבור? אַי זאָג מיר, וואָס ביסטו פאַר אַ מחותן מיט איציקען? זאָל ער ברעכען דעם קאַרק — און איך זאָג מיר: טון אַ יורען רעה איז אויך נישט קיין גרויסע מעלה, דאָס הייסט, דאָס זאָג איך מיר נאָך נישט, נאָר גלאַט אַזוי: האָב אַ געראַנק. מיין ווייב האָט אויך אַ געראַנק. מיין קליינער בערל אויך; וויל איך זעה עס ביי איהם אַפּ'ן נאָז, אַז ער וויל עפּעס, נאָך איידער ער רעדט דאָס אויס. דאָס הייסט: וועלען איז שוין עפּעס אַנדערש. למשל, קען איך וועלען אַרופקריכען אַפּ'ן בוידעם, נישט וויל מען דאַרף עפּעס האָבען, נאָר גלאַט אַזוי, עס ווילט זיך מיר, איך האָב איצט דערצו חשק. איך האָב חשק אַרויסצונעמען דאָס טייסטערל פון קעשענע און

אָנהייבען צײלען דאָס געלד, נישט װײל סי איז ניט איבער־געצײלט, נאָר גלאַט אַזוי, דאָס הייסט חשק האָבען צו אַ זאַך איז שוין אַ שטיק יצר־הרע. דער יצר־טוב איז אויך דאָ, נאָר װי אײנער זאָגט: אַף דער לינקער זײט איז ער. דערפון איז געדרונגען, אַז איך האָב אַ יצר־הרע און אַ יצר־טוב, אַז סי איז עפּעס אין אונז דאָ, אַ חשק.

שכל האָב איך פאַר דרײ אַנדערע, אַפּנים, אַז דאָס איז נאָך נישט דער געדאַנק. אַ געדאַנק איז אַ געדאַנק און שכל איז דאָס קעפּעל, דאָס גוטע קעפּעל. איך װעל זיך נישט לױבען, אָבער סי רעדט זיך. איך האָב אַזאַ טבע, זעהט איהר, אַ טבע האָט מען אויך. דאָס הייסט אָפּטמאָל איז גאָר איבערגעביטען די טבע. נאָך פאַראַיאָרען האָב איך פײנט געהאַט קאַרטאָפעל מיט הערינג און הײנט עס איך עס שוין יאָ אַביסעל. אײערקיכלעך האָב איך גאָר ליב. װאָס־זשע הייסט ליב האָבען און פײנט האָבען? פאַרװאָס בין איך שמעיה׳ן אַ שונא און ראובנען אַ גוטער פרײנד? ביידע האָבען זײ מיר נישט געטאָן נישט קײן גוטס און נישט קײן שלעכטס. נאָר גלאַט אַזוי, צו דעם ציהט מיך און צו דעם ציהט מיך נישט. װאָס־זשע הייסט ציהען? איך האָב גאָר קײן דעה נישט, נאָר סי ציהט מיך. — אַזוי האָט זיך מיט מיר שוין אָפּטמאָל געטראָפען.

נישט דאָ געדאַכט, נישט הײנט געדאַכט, נישט פאַר קײן שום יורען געדאַכט, איז מיר אָט־דאָ נישט לאַנג געשטאָרבען אַ מײדעלע פון זעקס יאָר. אַז איך בין געזעסען שבעה, האָב איך מיר געטראַכט: פאַרװאָס איז זי געשטאָרבען?

געזינדיגט האָט זי נישט, איך האָב געזינדיגט. פאַרוואָס אָבער איז זי שולדיג? שטעהט דאָך געשריבען: ופוקד־עון־אבות־על־בנים. איך בין נישט אַזאַ בן־תורה, אָבער איך מיין, דער טייטש איז נישט אַזוי. איך מיין פשוט, אַז אַ קינד שטאַרבט פאַר׳ן פאָטער, איז דאָס אַעניין, וואָס מי קען איהם נישט משיג־זיין. און זינדיג בין איך דאָס היינטיגע יאָר נישט אַ סך ערגער, ווי פאַראַיאָרען; מי זאָל נישט זינדיגען מיט די רעד, אַ בשר־ודם בין איך אַ שטאַרקער, אָבער חייב־מיתה בין איך נישט. וואָס טו איך? איך האַנדעל און ראַווען; מער ווי אַ רכילותל טו איך נישט קיין שלעכטס. איך לעג צונויף טלית־ותפילין... אָנגעזעצט האָב איך אויך נישט אַקוראַט, איך האָב נאָר נישט באַצאָלט חיימען פאַר׳ן וועקסעל, אָבער אופעסען יענעמס געלד — אסור.

מילאָ, אַז דער צער פון טראָגען איז יאָ אַזוי גרויס, טאָ וואָס־זשע הייסט השגחה? פאַרוואָס האָב איך דאָס יאָר אַ שלעכט יאָר און פאַראַיאָרען איז געווען נישקשה? פאַרוואָס איז בערל ראובנס אַנ׳עני־שבעניים כל־ימיו, ראַכט זיך אַ יוד, וואָס רירט נישט אָן קיין פליג אַפּ׳ן וואַנט, און חאַצקעלע גנב האָט יאָ הצלחה? פאַרוואָס איז פיר יאָר כסדר נישט געגאַנגען קיין רעגען צו דער צייט און היינט גיסט עס ווי מיט צעבערס? ביי גוים איז אויך דאָ השגחה, צווישען זיי איז אויך דאָ אָרים און רייך.

אַנ׳אָרימאַן האָט אויך אַמאָל מזל, אָט פאַרדינט ער אַ פערציגער אומגערעכט. אָט האָט ער זיך אויסגעגליטשט און איז געפאַלען און סי איז איהם גאָרנישט געשעהן. און

שלמה׳לע פון דער מיל, אַנ׳עושר, אַף אונז ביידע געזאָגט געוואָרען, האָט זיך אויסגעדרייט אַ האַנר. פאַר פיר יאָרען איז איהם געפּגרט אַ האָלענדישע קוה, זעקס זילבערנע לעפעל זענען ביי איהם נישט געוואָרען. וואָס־זשע איז ראָס, אַז מי האָט מזל און פּלוצים קערט זיך אַלץ איבער, צי מי האָט רעם רלות און גאָט העלפט? מי־בקצו־ומי־לא־בקצו, אַלץ ווערט פאַרשריבען און אַלע זענען מיר ביי איהם אין האַנר.

# דער חזן

וואָס־זשע מיינט איהר, איך בין עפּעס גלאַט אַ חזנרעל פון האָצעקלאָץ, אַ אַבי־וואָס? איהר מוזט הערען מיין קול. איהר מוזט מיך הערען דאַווענען; אַז איך שטעל מיך אַוועק פאַר׳ן עמוד און גיב אַ זאָג: לכו־נרננה! גיט עס אַ קלונג, אַז סי הילכען די פענסטער. דאָ קאַטשע איך מיך אַף אַלע כלים, און דער עולם ווערט ווי צוגעזאָטען. וואָס איז שייך, זאָל איך זיך אַליין לויבען? אָבער אַז איך בין געוועהנט ליב צו האָבען דעם געזאַנג פון ינגעלווייז אָן און צו לעבען דערמיט אַליין. אַז גאָט האָט אונז פאָרט אַריינגעגעבען די טבע, זיך אָנצונעמען ביי דער באַק און צו זינגען: די ווערטער פליען פון מויל, און איך שוועב מיט זיי.

אַ בשר־ודם בין איך, און אַ ווייב האָב איך און קינדער, און צרות האָב איך אויך! גיב איך מיך אַ שאָקעל, וואַרף איך אַלץ פון מיר אַראָב און ווער גאָר עפּעס אַנ׳אַנדער מענש, עפּעס קומט אין מיר אַריין אַ מין כח, אַ מין חשק, און איך צעלאָז מיך פונ׳ם סאָפּראַן ביז צום באַס און אַף וואָס איהר ווילט אַליין; איך בין אַף דער הויכער מדרגה, סי שרייט אין מיר, סי זינגט אין מיר, סי ברענט אין מיר — בין איך דען אַזוי פרום? אָבער דעמאָלט קום איך אַריין אין די גרעסטע התלהבות און סי טראָגט מיך

און סי הייבט מיך און איך קום אַלץ העכער און העכער: יונתן חזן, קנאַק אַף וואָס די וועלט שטעהט, וויז זיי, וואָס דו קענסט. און לפלוג מיין איך גאָרנישט דווקאָ דעם עולם, רעמאָלט האָב איך אַפילו פאַרגעסען וועגען מיר אַליין. איך שטעה דאָ, און סי קומט מיר פאָר, אַז איך בין אויבען, איך וואָלט גענומען דעם עמוד און איהם אַ טראָג געטאָן... אַ רעווע געטאָן ווי אַ לייב. עפּעס אַ קלייניקייט, אַז סי קומט צו מוסף: ומפני־חטאינו־גלינו־מאַרצנו... און איך וויל דערהייבען מיין קול צום בורא, צום גרויסען בורא, אַלע יורען זאָלען קענען זינגען און מיר אונטער־העלפען. דער גאַנצער עולם פון בית־מדרש איז ווי אַנ׳־אמתדיגער קאָר און איך שטעה און זינג, זינג, אַז די ווענט ציטערן.

וואָס־זשע איז דער טעם פון זינגען? מילאָ אַ פידעל האַלט מען דאָס אין האַנד, צי אַ פלייט — אין מויל, צי גאָר אַ טראָמפּייט — מי זאָגט, סי ליגט אין האַלדז. ביי מיר קומט עס פונ׳ם האַרצען, מעומקא־דליבא, עפּעס ווי איינער זיצט אין מיר און זשומעט שטענדיג. אינמיטען נאַכט וואָלט איך אופגעשטאַנען זינגען, צי איטליכע שעה אין טאָג. אַז איהר ווילט, זינג איך אייך אַ שטיקעל פון דער ראש־השנהדיגער שמונה־עשרה. אַז סי קומט ספירה צי ראש־חורש־בענטשען, בין איך ווי ניי געבוירען, ווער שמועסט די ימים־נוראים. וואָס טויגען מיר נאָטען און משוררים? איך, יונתן, נעם אַריבער דעם טלית אַפ׳ן קאָפּ און שטעל מיך אַנידער פאַוואָליע, אָהן לויפענעש, אָהן תנועות,

אָהן העוויות, גאָרנישט, אַ יור אַ חזן. אָבער דערנאָך, דערנאָך, וואָס מיר טעפּליק, ווער מיר טעפּליק, וואָס מיר בית־מדרש, וואָס מיר שמעיה דער נגיד, וואָס שטעהט אויבענאָן און קוקט מיר גלייך אין די אויגען אַריין? — איך צעלאָז מיך אַף מיין קול און זינג, איך הער מיך אַליין זינגענדיג און צעגעה פאַר מתיקות. בין איך דען אַזאַ בהול? אָבער איך שטאַרב פאַר חיות, איך וויל איינ־נעמען די וועלט, אַלע גוים מגייר זיין, אַלע יורען זאָלען זיין בני־מלאכים און איך, יונתן, בין אַ לוי אין בית־המקדש, טאַקי פון די אמתדיגע לויים און מיט די ניגונים פון דויד־המלך... וואָס זאָל איך אייך זאָגען, איהר מוזט זיין רעמאָלט אין מיר, איהר מוזט אַוועקוואַרפען אייערע עסקים אַף אַ ווײַלע און זיך אַריינטון אין אַ זמר, אין אַ פּנוונא, צי אין אַ וירבר־משה...

יונתן איז נישט ניסי בעלזער, נישט קאַשטאַן, אָבער ער איז יונתן. מיט זעקס קאַרבען אַ וואָך האָבען זיי מיך אָבגעקויפט אַ גאַנץ יאָר, און הכנסה — אַף אַלע שונאי־ישראל געזאָגט געוואָרען. ווען איך וואָלט נישט געהאַט קיין ווייב און קינדער, פליעוואַט! אַ פאָר קיין אַרעם! אַ שטודיר טון, און איך בין דער חזן פון דער גרויסער שול — דאָס נעם איך אַף מיינע פּלייצעס. אַי, איז דאָך די קשיה, ווי קום איך, יונתן טעפּליקער, צו די דייטשען? אַדרבה, פּרובט מיר לייהען שי״ן קערבלעך און לאָזט מיך מאַכען אַ ויברח. מיינט איהר, איך וואָלט עס נישט געמאַכט מיט רי״ש, צי מיט ק״ן, צי גאָר מיט אַ הונדערטער? דער סוף פון דער

מעשה איז, אַז אַזוי זיצט מען אָב די יאָרען אין אַ עק נעבען דער באָר... נאָר ניסין וואָלט איך געוואָלט הערען, צי קאַפּויר, ער זאָל הערען מיין קול. איך וואָלט צו איהם געקומען און וואָלט איהם געזאָגט: רב־ניסי־לעב, הערט אַ טעפּליקער חזן זינגען! וואָס האָב איך מורא צו האָבען? פון אחינו־בני־ישראל איז ער אויך, און אַ יוריש קינד איז ער אויך. נאָר ער נעמט די אַכציגטויזענד רובל אַ יאָר און איך — זעקס קערבלעך אַ וואָך. דער חילוק איז אַפילו אַ גרויסער, אָבער וויל איך דען נתעשר ווערען? צי וויל איך האָבען אַ סך געלד און טראָגען אַ גאָלדענעם זייגער און אַרויספאָרען, ווי דער אַפּטייקער? דאָס הייסט פאָרען אין אַ ברישקע ווילט זיך מיר יאָ אַפילו, וואָרום דאָ איז דער קנאַק מיט׳ן בייטש, איהר פאַרשטעהט, מי גיט זיך אַ זעץ אויבענאָן, און די פערד יאָגען און לויפען, ווי אין סמיק... אַי יונתן, פאַרשאַרטער קבצן, וואוהין איז דיין קוק? פרעגט מיך, צי האָב איך מיין אייגענס פינעף רובל, צי אַפילו אַ דרייערל, וואָס איך וואָלט באַדאַרפט אַזוי נייטיג האָבען — זייט אַזוי גוט... פליעוואַט, לעבען זאָל דער מענש און האָבען זאָל ער אַ קול.

# ראובן פעסים

איהר פרעגט מיך װעגען ראובנען, װאָס איז געװאָרען פון ראובן פעסים, דעם נגידס איידעם פון שטאָט? גאָרנישט. תּחילת האָט ער גערדרייט, און מי זאָגט גאָר — סי איז איהם געגאַנגען גוט. דערנאָך האָט זיך בּיי איהם אַ דריי געטאָן אַף צוריק און ער האָט אָנגעהויבּען פאַלען... דער שװער זיינער איז געשטאָרבּען. פאַרקלאַפּט האָט מען תּחילת די צירונג, דערנאָך די הייזער, אויסגעלאָזט האָט זיך אַלץ, און סי איז פון אילעמען געװאָרען אַ תּל.

סי האָט שוין געהאַלטען בּיי דעם, אַז סי איז נישט געװען קיין בּרויט אין שטוב, פון אַלע לעכער האָט געפּייפט דער אָרימאַן. די קינדער האָבּען אויסגעזעהן, אַז סי איז געװען אַ גאָטס רחמנות אַף זיי צו קוקען, און ראובן אַליין מיט זיין װייב האָבּען געהאַט פּנימער, װי װען זיי װאָלטען אופגעשטאַנען נאָך אַ שלאַפקייט. עפּעס אַ קלייניקייט, אַז בּיי אַ מענשען טוט זיך אָב דאָס מזל, און װאָס דו טוסט און װאו דו רירסט זיך צו, געהט אַלץ קאַפּויר, חאַטש נעם און עק ריך... מילאָ, פריער האָט מען נאָך גערדרייט, געלאָפען, געבּאָרגט, צען מאָל געטריקענט דעם מוח, אַבּי צו פאַרשטאָפּען אַ לאָך. אַצינד האָט דאָס אויך אופגעהערט. ראובן איז בּיי זיך אַזוי געפאַלען, אַז ער פּועלט גאָרנישט

בײַ זיך אַרויסצוגעהן אין מאַרק און זעהן עפּעס צו טון, אַז אַ מזומנער זעקסער איז נישטאָ בײַ דער נשמה, קײנער געטרויט איהם נישט און סי איז שוין אַזוי, אַז ער נאַראַיעט אימיצען אַ מסחרל, מוז יענער אַלץ צולעגען... אופשטעהן אינדערפריה און נישט וויסען, וואו נעמט מען היינט אַף אַ שטיקעל ברויט, קומען אַהיים בײַנאַכט און זיך לעגען שלאָפען מיט אַ ליידיגען מאָגען. רבונו־של־עולם! דו האָסט אַ סך באַשעפּענעשען אַף דער וועלט און איטליכען גיסטו זײַנס, פאַרוואָס מוז ד ע ר אַזוי פאַר־וואַלגערט זײַן? גיב איהם אַ שטיקעל חיונה. וויל ער רעדן אַ סך? גיב איהם ברויט מיט זאַלץ און קאַרטאָפעל פאַר די קינדער — דײַן האַנד איז גרויס. טויזענד וועלטען גע־הערען דיר, און פאַר אָט ד ע ם יודען, וואָס איז אַנ׳ערליכער, וואָס ראַוועוועט, וואָס היט אָב, וואָס דו האָסט געזאָגט, — האָסטו גאָרניט!... און גאָט שווייגט, ער זעהט מענשען פאַלען אַפ׳ן פּנים און שטאַרבען פון הונגער און שווייגט...

איך זאָג אייך, אַז מי הייבט אָן צו טראַכטען פון זײַנע דרכים, קען מען אַליין אַראָבגעהן פונ׳ם דרך.

# אונטער בלעך

וואָס־זשע וויל מען האָבּען פון מיר? דרייצען מענשען מיט מיילער, מיט הענד און מיט פיס האָבּען זיך אַנידער־געזעצט אַף איינעמס קאָפּ, און אַלע מוטשען זיי דעם אַלטען טאַטען און לאָזען איהם נישט אַ רעך צו טון. אַלץ הייסט דאָס: גיב, גיב, גיב! גיב היינט, גיב מאָרגען, גיב אינדערפרי, גיב בּייטאָג. דער וויל דאָס, און דער וויל יענץ. אַ שיך, אַ טולופּ, אַ קליידעל, אַ היטעל, אַ לערער, צוי גלאַט אַזוי אַ דרייערל. דער האָט זיך פאַרגלוסט שפּילען קלאַוויר, די וויל לערנען טאַנצען. אופגעגעסען ווערט אַ פאַרמעגען. אַלע וואָך אַ היטעל צוקער, אַ פונט טיי. און פלייש און פיש, און גלאַט אַזוי די קיך מיט די דינסטען, און דאָ איז מען נאָך גאָרניט יוצא. איטליכער האָט טענות און איטליכער באַקומט נאָך צו וועניג. איטליכער וייל, אַז מי זאָל נאָר איהם האָבּען אין זינען און רק איהם נאָכגעבּען, איהם לאָזען פאָרען אַפּ'ן וועלאָסיפּעד, צי נעמען אַ בּילעט אין טעאַטער. אַ קלייניקייט, היינט זענען זיי אַלע פּריצים, מי געהט אַרום מיט די שטעקלעך, מיט די זיידענע זאָנטיקעס און דאָס טייסטערל איז קיינמאָל נישט ליידיג... און ווער מוז אַלץ געבּען? איך, איך, דער טאַטע.

איך מוז מיר ברעכען דעם קאָפּ מיט כּל־המיני־מסחרים און פּסלנותן און האָבען טויזענד מאָל עגמת־נפש און שפּילען דעם נגיד... און זיי, וואָס פעלט זיי? דעם טאַטענס בייטעל איז ווי אַ קוואַל, וואָס טאָר נישט פאַרשטאָפּט ווערען. געה פּרוב און זאָג: ניין! געה פּרוב און זאָג דער מאַדאַם דיינער, מי זאָל דאָסמאָל נישט מאַכען דאָס זיידענע קלייד, צי נישט קויפען די שמאָכטע. איך פּרוב און גיב אַ זאָג: טאָמער פאָרט מען דאָס יאָר נישט אין די בעדער? שלעכטע צייטען, איך בין פאַרבאָרען איבער'ן קאָפּ. ווער הערט דיך און ווער פרעגט ביי דיר? האָסטו גענומען דעם עול אַף דיר, טאָ, הייסט דאָס, טראָג און טראָג; רייס אַראָב פון יענעם די הויט, אַבי גיב. אין לפלוג בין איך דער שררה, און איך האָב די ביכער און דעם שליסעל צו דער אייזערנער קאַסע און פיר די מסחרים אַף מיין נאָמען, איך קען יעדען צוזאָגען און אָבזאָגען און אַף דער בערזע בין איך דער מאַכער, אין באַנק האָב איך אַ קאָנטע, און אַ חתימה פון מיר איז ווי פונ'ם קייסער — און באמת בין איך גאָר דער עבד־כּנעני, ווי איהר זעהט מיך לעבען, און דין ביי זיי, האָרעווע אַלץ פאַר זיי און פאָר אַף קאָנטראַקטען פאַר זיי. און קיינמאָל זיך נישט אויס־שלאָפען און קיינמאָל זיך נישט אויסרוהען. עפּעס אַ קליי־ניקייט, אַז זיי האָבען מיך אָבגעדרונגען מיט מיינע ביינער, אַפילו מיין נשמה געהערט צו זיי... וואָס מיר סאָוויעסט, ווער מיר יושר, צי געבען גאָר אַ טראַכט: דאָס איז מיאוס

פאַר גאָט, דאָס טאָר מען נישט. אַזוי לעבט מען און מי איז נאָך דער גרויסער נגיד און מי קומט אָב אַף דער וועלט און אַף יענער וועלט. און אָט אַזוי זעהט עס אויס ביי אונז אין האַרצען, וואָס מיר וואוינען אונטער בלעך...

# אַ שיינע וועלט

— פונ׳ם הימעל וואַרפט גאָט נישט אַראָפּ. אַז איך האָב אָבער פּלאַץ, ווילט זיך מיר בּויען אַ שטוב, נישט גלאַט אַזוי אַ יאַכנע מיט אַ שטר־חצי־זכר, אַז דער איידעם מיינער זאָל זיך אַליין קויפען די סלופּעס, נאָר איך טאַקי אַליין וויל בּויען אַ שטוב, מיט פענסטער און טירען, מיט פאָלען און אַלע פּישטאַוועקעס. געלד האָב איך אַפילו נישט, אָבער צו וואָס טויג מיר געלד? דערפאַר האָב איך אַ שכן יאַנקעל חיימס. ער האָט אויך אַ פּלאַץ, פון וואַנען קומט צו אַ הונט אַ פּלאַץ? אָבער אַז ער האָט, האָט ער. בּיים רב, זאָגט ער, ליגט דער קנין. מיינער איז איינגעשריבּען בּיים פּריץ. ער מאָנט מיך פון מי־יודע־ווען דעם צינז. מילאָ, אַז דו האָסט נישט, בּוי נישט. נאַר איינער, בּויען וויל איך טאַקי יאָ, חאַצקעל פּערלס בּויט אויך און האָט אויך נישט, הערשעלע קאָזאַק האַלט שוין בּיים דאַך און האָט נישט זיין אייגענעם אַ פּיאַטאַק, און טאַקי יחיאל אַליין, וואָס גיט געלד אַף פּראָצענט, איז אַ שטאַרקע סברה, אַז ערגעץ אַנדערש איז ער שולדיג, און יענער גביר כּלומפּערשט, וואָס לייהט איהם, האָט אויך שוין נישט איינמאָל אָנגעזעצט. אַזוי איז די וועלט געגליכען צו אַ דריידעל. אונזערע חכמים האָבּען געזאָגט — נאָר וויים איך נישט, וואָס זיי האָבּען

געזאָגט, געה געדענק דאָס. דער עיקר איז, אַז איך וויל מיר בויען אַ שטוב, און יאַנקעל דער שוטה, אַף מיר קוקענדיג, אויך. מילאָ, אַז דו ווילסט, חאַפּט דיך דער רוח. ווער לאָזט דיך נישט? אַז ער זאָגט אָבער: איך יאָ, און דו נישט. זאָג איך: פאַרוואָס איך נישט און דו יאָ? זאָגט ער: משומר איינער, דו ווערסט מיר פאַרשטעלען די פענסטער. האָט איהר געהערט אַ מעשה? ער האָט נאָך גאָרנישט און האָט שוין מורא. — סי איז אָבער אַריין אין אַנ׳עקשנות, סי האָט זיך אָנגעהויבען אַ קריגעכץ, זיין ווייב איז אַ מרשעת, מיינע איז אויך נישט פויל אַף די ציין. טאַטע, מאַמע! די תוכחה, זאָג איך אייך, און אינ׳ם האַרצען ווייס איך אַליין נישט, ווער סי איז גערעכט, אָבער אַ פּאָרלעך איז ער פאָרט. וואָס וויל ער האָבען פון מיר מיט זיין טיקאַכץ? זאָל איך נישט בויען, ווייל ער האָט נישט קיין חשק, צי זאָל איך איהם געהן בעטען מחילה, אַז מיין ווייב האָט זיך ביינאַכט פאַרגנבעט, און האָט אויס־גענגאָסען אַ צעבער וואַסער פאַר זיין טיר? אַז מי וואוינט נעבען אַזאַ מענשען, איז מען שוין נישט צו לייטען גלייך. איך וויל אייך דערציילען בקיצור, ער האָט מיך געמסרט, אַז איך פאַרקויף טרייפענעם טיטון, און איך איהם, אַז ער האָט נישט קיין בלעטעל; בלבולים, אָבער אַז סי איז אַריין אין אַנ׳עקשנות. צרדים פון ביידע זייטען: שמעיה, ראובן, גדליה, מענדעל, לייצי, רבקה און יאַנקעל פון מיל זענען אַף מיין זייט; יוחנן, קלמן, מייטע, סענדער און קאַצי־קוצי — אַף זיין זייט; הייבען זיך אָן ביים רב דין־תורות,

און אַז סי קומט צו פּסק־געלד, זאָג איך: רב משה, מיט׳ן הונט איז נישטאָ וואָס צו רעדען. אַז די רביצין האָט רחמנות און גיט מיר אַ גלאָז טיי, בין איך מיך מחיה. צוויי שעה כּסדר געשריען אַף אַלע כּלים, עפּעס אַ קלייניקייט. איך וויל נישט מאריך זיין, איהר מיינט, אַזוי גיך נעמט דאָס אַנ׳עק? מילאָ ער וויל גאָר נישט בויען; אָבער איך וויל יאָ און בוי אויך נישט. אַ שידוך טון מיט אַ מיידעל איז בילכער. קומט צו מיין בעל־מחלוקת אַראָב אַ זון עפּעס אַ גאַנצער פּריצל. משה נאָז, אַזאַ חצוף, דערטאַפּט מיך אין קלויז און וויל פון מיר, אַז איך זאָל זיך מיט דעם דם־שונא מיינעם משדך זיין און זיי, חתן־כּלה, אַוועקגעבען אין גרן דעם שותפותדיגען פּלאַץ. ביסטו משוגע צי מטורף, נאַ דיר אַ שוואַרץ יאָר, ווער רעדט פון שותפות? מיין ווייב שפּרינגט שיר פון דער הויט. איז אַראָבגעקומען אין שטאָט אַ רבי און זאָגט: סי איז אַ זיווג... איך וויל נישט הערען, דער סוף איז געווען: מיין טאָכטער האָט געמוזט נעמען זיין זון. ביי דער חופּה האָב איך מיך אַפילו געשעמט.
אַ דור איז דאָס, אַ שיינע וועלט!

# עסקים

אַז דער גאַנצער עסק איז בסך־הכּל נישט ווערט קיין דרייערל. וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ מין מענש? ער ווײנט אַף מײן קאָפּ. די קאַפּאָטע האָב איך איהם גע־קוילעט? איך וויל איהם אָװעקנעמען די שטוב, יאָ! פאַר־וואָס־זשע וויל ער נישט באַצאָלען, דער פאַרך? אַפילו נישט ער איז מיר שולדיג, דער שווער זײנער איז דאָס, אָבער ער האָט דאָך געגעבען דעם קוויט. וואָס־זשע האָט ער זיך גע־מיינט, גלאַט נעמען אַ פען און חתמענען זיך: אני החתום־מטה שמעון־בערעל ברב ראובן פאַסטערנאַק, אַבי מיר פאַרשטאָפּען דאָס מויל? וואָס־זשע טו איך? איך דערלאַנג אין סוד. מי פרעגט מיך, מי פרעגט איהם, עפּעס אַנ־אַדוואָקאַט זײנער, אַ משוגענער יונג, רופט מיך אַרויס און וויל אונז אויסגלײכען. טאָמער ווייסט איהר וויאַזוי? אַ מפּלה אַף זיין קאָפּ! איך זאָל דערווייל באַהאַלטען דעם קוויט און ער זאָל בלייבען זיצען אין מיין שטוב. אַז ער וועט זיך אַמאָל אויסקראַצען און וועט האָבען פונוואַנען, וועט ער מיר באַצאָלען...

וואָס־זשע מיינט איהר, איז געווען דער סוף? אַז מי האָט איהם פאַרסודיעט און סי איז געקומען צום איבערשרייבען די שטוב, שטעלט זיך אַרויס, אַז סי איז גאָר נישטאָ קיין

קנין אַף דער שטוב. מילאָ, אַז אַ יוד וויל נישט צאָלען און שרייבט אַלץ איבער אַפ׳ן ווייבס נאָמען, איז דאָס בדרך־הטבע, אָבער גזלן איינער, וועמעס שטוב איז דאָס? חאָטש גּעה און שריי חי־וקיים. וואָס־זשע טו איך? אַז סי איז יאָ נישטאָ קיין קנין, בּין איך מיך מישב, דינג אַ מענשען אַפ׳ן טאָג און הייב אָן אַרומצוגראָבען זיין פּלאַץ, וואָס איז נעבען מיין שטוב. אַצינד שרייט ער געוואַלד. אַקיצוּר — אַהין, אַהער, אַ געפּילדער, די גאַס איז אוף, מענשען לעגען זיך אַריין, מי געהט צום רב! אַ בּרירה האָב איך? אַז פרעמדע הענד האָבען מיר אויך נישט געהאָלפען.

און דאָ הייבּט זיך אָן אַ נייע סדרה. גביות־עדוּתן, טענוּת, איך שריי — אַ פּשרה! שרייט ער: ניין, אַנ־אמתע דיך־תּורה! וואָס־זשע איז די גדולה מיט דיר? מיינסט, איך האָב מורא פאַר דעם? לאָז זיין אַנ׳אמתע דיך־תּורה. אָבער דאָס וויל איך: איינלעגען זאָל ע ר! וואָס־זשע זאָל איך איינלעגען, זאָגט ער, די נשמה מיינע? דיין ווייבּס פּערל זאָלסטו איינלעגען. אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער. אַ פּייג וועל איך דיר געבּען! איך וויל איהם פּאַטשען. דער רב לאָזט נישט, די רבּיצין שפּרינגט אַריין אַ דערשראָקענע: וואָס איז געשעהן? גאָרניט איז געשעהן, אַ הונט איז ער, איך וויל איהם ווייזען, וויאַזוי איך קאָן מיך נוקם זיין.

מיין רב איז מיר אַ תּמעוואַטער יוד און זאָגט: טשעפּעט זיך אָב פון מיר און געהט צו בּוררים. מיט מיין בּורר בּין איך כּלומפּערשט אַ קנעפּעל. ער קומט צו מיר רעדען,

אַז ער געהט פון ראַוועגען, דערווייל לייהט ער ביי מיר אַ פינפערל און דערנאָך אַ קערבעל. זיין בורר איז אַ שובעניק און אַ ממזר פון אַ יונג. שוין צוויי וואָכען, אַז ער דרייט און דרייט. איך בין טשיקאַווע, וויאַזוי איך וועל אָבשניידען ביים פסק. מאָטעל יחיאלס איז דער שליש. מיינט איהר, אַז סי נוצט מיר עפּעס? אַז בסך־הכל איז דער גאַנצער עסק נישט ווערט קיין דרייערל.

# אופצייכנונגען

# אופצייכנונגען

## זיך פֿאַרפּלאָנטערט

רבי יוסעל, איך מוז אויסגיסען פֿאַר אייך מיין האַרץ. גאָט אַליין און איהר וועט מיך פֿאַרשטעהן. צווישען אונז רעדענדיג, וואָס זענען דאָס פֿאַר מענשען די פּאָקיטילאָווער, ריינע סקאָטינעס. צי ווייסען זיי, וואָס מיר טוט וויי אין איטליכער ריפּ, און וואָס איך האָב אויסגעליטען? אַז מי ליגט ניט ביי אונז טויט-קראַנק, און דער פֿעלדשער קומט ניט, און סי שטעהען ניט אַ שאָק סלאָיקלעך און פֿלעשלעך אַפּ׳ן טיש און מי האַלט ניט שוין ביי דער קבורה, גלייבט מען ניט, אַז מי איז קראַנק און מי דאַרף שוין אָנהייבען זאָגען תהלים... געהט מען אָבער אַרום, ראַכט זיך, געזונט און מי האַנדעלט און מי קומט אַריין אין בית-מדרש און מי רעדט מיט אַ מענשען, מיינען זיי, אַז סי געהט אייך גאָרנישט אָב, נאָר דאָס ביסעל פּרנסה. וואָס איז שייך, וואָס דען קען אַ יוד האָבען אין זינען און וועגען וואָס קען ער זיך דאַרען דעם קאָפּ, אַז ניט וועגען פּרנסה?

אַף-צו-להכעיס האָב איך יאָ פּרנסה, און אַז איך וויל, פֿעלט מיר גאָרניט. דאָס הייסט פֿעלען פֿעלט מיר אַ סך: אַ געזונט ווייב. מיינע איז, לא-עליכם, אַ חולנית שוין צען יאָר. זי געהט אַרום און קאָכט אַביסעל און שטריקט אַ זאָק, אָבער ניט איין ביין איז ביי איהר גאַנץ. געקומען איז דאָס ביי איהר פֿון אַ קימפּעט... דאָס ערשטע יאָר

האָט דאָס מיר געריסען בײַם האַרצען און איך האָב איהר געשטופּט גאַנצע צענערלעך, אַבי זי זאָל עפּעס טון. דער־נאָך האָט מיך דאָס אָבער אָנגעהויבען צו האַרען... פאַרוואָס זאָל גראָד זי ניט ווערען געזונט און תּמיד קרענקען? ווייס איך, אַזאַ זאַך ווערט נמאס...

וואָס־זשע טוט גאָט? קומט צו פאָרען מײַנע אַ פּלעמעניצע, אַ ווײַבעל, אַ שטיקעל עגונה, און בלײַבט בײַ אונז צוויי וואָכען. אַף איינמאָל וואַקסט אויס אַ מענש בײַם טיש מיט אַ פּאָר רויטע באַקען און אַ געזונט שטיק — און גאָרניט... איך זיץ און לעפּעל די זופּ, סי דערקוטשעט מיר עפּעס... צו־געלאָזט איז זי אויך צו מיר אַביסעל; איך וואָלט גע־געבען מי־יודע־וויפיל, אַז זי וואָלט געווען מײַנע. מײַנע איז אָבער קראַנק, און דאָס איז אַ קרובה און מי טאָר ניט. אַ יוד טאָר ניט אָנרירען אַ פרעמדע נקבה און פאַר איין ריר איז צען יאָר גיהנום. וואָלט זי זיך אופגעהויבען און וואָלט אַוועקגעפאָרען... איך וואָלט געדאַנקט גאָט. זי פאָרט אָבער ניט, און מיר דערקוטשעט עס אין האַרצען ביז צום שטאַרבען.

אַוועקגעפאָרען איז זי שוין, אָבער סי איז שוין געווען צו שפּעט. איהר פּנים האָט זיך מיר אײַנגעפרעסען אין האַרצען, ווי אַ שד. מאָלט אײַך אויס, אַ יוד ווי איך פון איבער פערציג יאָר, און קיינער וואָלט אַף מיר אַזוינס ניט געגלייבט, און איך געה אַרום, האַנדעל, קויף, פאַרקויף, און האָב עפּעס אין זינען, וואָס דער רוח ווייסט דאָס. אַז מײַנע וואָלט דאָס געוואוסט, וואָלט זי געשטאָרבען פון שרעק! און ס'רוב,

אַז סי דערגעהט מיר, גלוסט זיך מיר, איהר צו זאָגען: פאַרוואָס ביסטו ניט, ווי יענטע? יענטע איז, ווי איהר פאַרשטעהט, די פלעמעניצע. איך בּיים מיר אין מויל און זאָג מיר: בּיסט ראָך ניט קיין קאָוואַל צי אַ בעל־מלאכה. אין בית־מדרש האָסטו אַ שטאָט אין שפּיגעל. שעם זיך פאַר זיך אַליין. און איך שעם זיך גאָרניט און טראַכט נאָר פון יענער. אַנ׳אַנדרערער וואָלט ניט געסמעייעט דאָס צו זאָגען און וואָלט זיך צען מאָל אָבּגעבּיסען די צונג, אָבער אייך דערצייל איך אַלץ. איך האַלט דאָס ניט מער אויס. טאָג און נאַכט טראַכט איך אַלץ פון יענער. וואוהין איך געה, שטעהט זי מיר פאַר די אויגען; איך זאָג אייך, אַז איך געה ניט אַראָב פון זינען, איז דאָס אַ נס.

## דער דאָרפסיוד

וואָרט אין וואָרט נאָכגעמאַכט

— רבי יוסעל, איך קען גאָרניט רעדען. קענען קענט איהר מיך ניט. אַ יוד בּין איך, גלאַט אַזוי, אַ פּראָסטער. ערגעץ־וואו בּין איך געבּוירען. מיין טאַטען האָט מען גערופען יאַנקעל. אוואו האַלט איך? אַז דער קאָפּ דרייט זיך מיר. איהר פאַרשטעהט, אַז דאָס לשון קלעבּט זיך מיר ניט אַף יוריש, אַז מי איז שטענדיג צווישען גוים, פאַרגעסט מען אַפילו דאָס בּיסעל עברי. נעכטען איז צו מיר געקומען דער פּריסטאַוו. — אַ קלייטעל האָב איך, האַלט אַבּיסעל דיאָגאָט, צוקער, בּראַנפען אין אַ פלאַש, אַ שטריקעל,

אַ צוואָק. גאָרניט, סי ציקעט זיך... איהר זענט אַפּנים פון זייערע לייט, וואָרום איך זעה, איהר גאָלט די באָרד... וואוינען וואוין איך אין אָקסאַנינע. קינדער האָב איך ניט. אויך מיט יענער האָב איך ניט געהאַט קיין קינדער. זאָגט מיר, איך בעט אייך, ביי אייך אין יענע מקומות זענען דאָך אויך פאַראַן דערפער, טאָרען דאָרט וואוינען יודען? ווילט איהר מיך אויסהערען? האָב איך אייך שוין געזאָגט, ווי איך הייס? בן־ציון הייס איך, בן־ציון קאַזאַנקאָוו — אַזוי חתמע איך זיך. אַ נכתב בין איך פון קאַמענעצער גובערניע. מילאָ, אַז איך האָב ניט קיין קינדער, האָב איך מיך געדעשעט, ניט צו האָבען קיין קינדער. איהר מוזט דאָס פאַרשטעהן. הייגט איז רינסטיג. יאָ, אייער־נעכטען איז ביי מיר געווען דער פּריסטאַוו. איך וויל אייך עפּעס זאָגען, פאַזוואָליעט מיר זיך אַביסעל אַנידערצוזעצען, איהר ווייסט: די פיס. איהר האָט אייך דאָ אָבגערונגען אַ גוט שטיבעל ביי חיימען. נעכטען האָט מיר אַ כפּרה'ניק געזאָגט, אַז סי וועט זיין מלחמה. איהר מוזט דאָס אַוודאַי ווייסען. נו, וויל איך אייך אַלץ דערציילען מיט אַ טאָלק. פאַרוואָס איך בין צו אייך געקומען? אַז איך האָב גע־הערט, אַז איהר זענט דאָ, האָב איך מיר געזאָגט: אַי, ווינאָוואַט. איך האָב געהערט, אַז איהר וואוינט נאָך ערגעץ ווייטער פון רוסלאַנד און דאָרטען זענען אילע מענשען דייטשען. ווייס איך, אַז איך בין געקומען צו אייך, האָב איך מיר געטראַכט, איהר זענט דער מענש, וואָס קען געבען אַנ'עצה. איהר פאַרשטעהט: זי, אַ יודענע, וויל אַ קינד און

זי ראָקטערט זיך בײַ פעלדשערס און בײַ טאָטערס. די אויגען זענען איהר שוין שיר אויסגעפרעסען פון די קרייטעכצען און פון די געררייכערטע קוילען. פריער איז געווען אַ גויה אַ מכשפה, און זי האָט געזאָגט, אַז איך מוז אויך טרינקען פון אַ מין; דערנאָך האָט דער רוח אָנגעטראָגען אַנ'אַנדער מין שלאַק, אַ טרעפער אַף קאָרטען. האָט קיין פּאַראיבעל ניט, טאָמער קען איך בײַ אייך קריגען אַ גלאָז וואַסער צום טרינקען. קכי, קכי, קכי. (ער פּאַרהוסט זיך).

איך וויל אָנהייבען פון אָנהייב, נאָר איך זעה, אַז איהר האָט ניט קיין צייט, וואָרום איהר קוקט אַפ'ן זייגער... איך בעט אייך, נאָך אַ מינוטקעלע. בײַ וואָס בין איך געבליבען? איהר פּאַרשטעהט, אַז איך הייב אָן צו רעדען, ווער איך ווי זאַמעשאַיעט. דער קאָפּ, דער קאָפּ, איהר ווייסט ניט, וואָס מיר קומט אַריין אין זינען, אַז איך זעה אייך ראָזיצענדיג, און איך קען אייער טאַטען. עפּעס אַמאָל, צוריק מיט פערציג יאָר, בין איך אויך געווען אַ יונגעל. יענע יאָרען, ווער האָט געהאַט מחשבות? וואָס־זשע האָב איך אייך געוואָלט דערציילען? איך זעה, מ'סורעט זיך פון מיר. — נעם איך זיך צו איהר: זאָג אויס, וואָס האָט איהר אויס־געטראַכט, וואָרום ווען ניט, צעברעך איך דיר די ביינער! זאָגט זי, זי טוט עפּעס... מילאָ אַז דו טוסט — טו, אָבער וואָס וויל דער בחור? ער איז אַ שטיק רופא. אַ רופא איז ער, אַ רוח אין זיין טאַטענס טאַטען און אין זיין מאַמעס מאַמען. הערט מיך אויס, רב יוסעל, האָט קיין פּאַראיבעל ניט, אַז איך זאָג צו אייך יוסעל. בײַ וואָס בין איך געבליבען?

אַז דער פּריסטאַוו איז געקומען צו מיר, האָב איך צו איהם געזאָגט, טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט. דער מענש האָט צוגעגנבעט די לעפּעל און די בעכערלעך. געזאָגט האָט ער, אַז ער מוז זיי האָבען, כּדי זיי צעשמעלצען אין איינעם מיט בליי און דעם טעפּעל אַריינשטעלען אין בעט אַריין צו קאָפּענס... אַז דער פּריסטאַוו איז אַוועקגעגאַנגען, גיב איך מיר אַ קלער, טאָמער איז גאָרניט גוט, אַז איך האָב איהם אַלץ דערציילט. מילאָ ער, דער בחור, קען פוילען אין אָסטראָג, אָבער זי וועט ראָך זיין זאַמעשאַיעט. זיך געהן לאָרען ביי זיי און האָבען צו טון מיט זיי! אָבער וואָס זאָגט איהר צו דעם גנב? ראָקטערט און ראָקטערוז, און צום סוף לאָזט זיך אַרויס אַזאַ מאָשענסטוואָ. לעפּעל פון ריינע זילבער, וואָס איך האָב זיי שוין צוואַנציג יאָר, ווילט זיך איהם זיי צו שמעלצען מיט בליי. אַזאַ מאָשעניק. די גאַנצע וועלט איז גאָלע מאָשעניקעס. גלייבט קיינעם ניט, רב יוסעל!

## אַ ציגאַר

יוסעל שמעונס בין איך. דערמאָנט איהר זיך נאָך? בין איך ראָך געזעסען נעבען אייער רבין, אַז איהר זענט נאָך געגאַנגען אין חדר. די צייט לויפט! סי קומט מיר אויס, ווי סי וואָלט ראָס געווען נעכטען, אַז איהר האָט נאָך געלערנט ביי למכן; און איך האָב נאָך געזאָגט צו אייך: דו. מיין ווייב לייצי, זאָל זי האָבען דעם ליכטיגען גן־עדן, זי האָט געהאַט

אויגען. זי פלעגט מיר תמיד צו זאָגען: דו וועסט זעהן, אַז פון יוסעל דעם רבס וועט נאָך אַרויסקומען אַ גרויס, און אַצינד זיצט איהר אין פּרייסען, אין דער ווייטער מדינה, און מיר זיצען דאָ און בּידעווען... דעמאָלט, נאָך איידער איהר זענט אַוועקגעפאָרען, זענען געווען גאָר אַנדערע יאָרען, היינט דריי זיך יאָ, דריי זיך ניט, געלד וואַקסט שוין ניט מער, ווי די אוגערקעס. איך וואָלט געוואָלט זיין אַ בּעלן צו וויסען, אַף וויפיל זיצט איהר דאָרטען אַ חודש? אַז איהר ווילט זיין אַ גוטער, טאָ גיט מיר אַ ציגאַר טיטון. טאָמער ווילט איהר מיך ערגעץ שיקען, וועל איך בּאַלד געהן. סי וועט בּיי מיר זיין אַ כּבוד, אַז איהר וועט מיך מטריח זיין. גלייבּט מיר, אַ פּועל־בּטל בּין איך ניט. אָבּער בּיי אונז איז היינט ניטאָ וואָס צו טון; און טו אַפילו יאָ, לעגט מען צו.

איז דאָס אָבּער אַ ציגאַר, וואָס איהר האָט איהם מיר געגעבּען! אַזוינס האָבּ איך נאָך קיינמאָל ניט גערייכערט. איך מוז איהם אויסרייכערן אינגאַנצען, ניין — איך וועל איהם ניט אויסרייכערן אינגאַנצען און אילימען ווייזען, וואָס איהר האָט מיר געגעבּען. איך וועל איהם אַרומטראָגען בּיי מיר כּל־ימי.

## פון טעפּ צו פּראָסע

איהר פרעגט מיך, צי איך האָבּ קינדער? איהר מאַכט אַוודאַי חוזק פון מיר. אַכט קינדער האָבּ איך מיט לעבּען און געזונט. איינע איז אויסגעגעבּען, ראַנק־גאָט. מיין איידעם

איז אַ קירונער און הייסט אַייזיק. נאָך איהר האָב איך צוויי ינגלעך, וואָס לערנען זיך בּיידע בּאַר סטאָליערעס. ווידער אַ מיידעל פון צוועלף יאָר, נעבעך טויבּלעך און הערט ניט גוט; און נאָך פיר ספּעקלאַטעס, קליינוואַרג! איך אַליין האַנדעל מיט טעפּ און שטעה אַפ׳ן מאַרק. עשירות זעהט מען ניט דערפון, אָבער סי ציקעט זיך... דער גוי איז היינט ניט דאָס, וואָס אַמאָל, און דער פּריץ, אַז ער קויפט פאַר זיבּעציג קאָפּיקעס און גיט אַ קערבּעל, שעמט ער זיך ניט צו נעמען סדאַטשי, ווי פריער... אַז איך וואָלט געהאַט געלד און וואָלט געקענט האַנדלען מיט פּראָסע, וואָלט איך אַצינד געקענט עפּעס אָבּלעגען. איך זאָג אייך, רבּי יוסעל, אַז איהר וואָלט דאָ געבּליבּען און וואָלט געוואָלט מאַכען אַבּיסעל געלד, וואָלט איך אייך געקענט געבּען אַנ׳עצה: קויפען פּראָסע... וואָס קוקט איהר מיך אָן? איהר אַליין בּאַדאַרפט ניט צוצולעגען קיין האַנד. איך קען אייך בּרענגען תּיכּף דריי יורלעך, וואָס זאָלען פאַר אייך טון...

## איידעמס

שמעיה־ראובן נחמן־פּייסים בּין איך. אַט דאָס וואָלט איך אייך געוואָלט דערציילען. איך בּין עפּעס אייער אַ פּאַני־בּראַט? אַ יוד בּין איך, ווי אַלע יודען. אַז איהר ווילט, פאַרשטעה איך אַבּיסעל אין אילעמען; אָבער אַז דער קאָפּ איז דערשלאָגען... וואָס זאָגט איהר, וועט זיין אַ גע־ראָטען יאָר? איך זאָג אייך, רב יוסעל, מי קאָן דאָס

גאָרניט וויסען, געהט שוין יאָ אַ רעגען, געהט עס דערנאָך ניט; איז שוין יאָ אַ גרויסער יריד, וויל דער פּויער זעכציג קאָפּיקעס אַ פור, חאָטש גערה שריי דיר אויס די קישקעס. אַזוי לעבּט מען אָב די יאָרען, איך בּין שוין קרוב־לחמשים. פאַרוואָס איך בּין צו אייך געקומען? איהר ווייסט ניט, גלאַט אַזוי: איך האָבּ נאָר געוואָלט מיט אייך שמועסען און אייך דערציילען. ניט דאָ געדאַכט, איז בּיי מיר אַ טאָכטער אַראָבּ פון׳ם זינען, שוין לאַנג. אַז סי איז בּאַשערט אַנ׳אומגליק, העלפט נישט. מיינט איהר, אַז דער רופא ווייסט עפּעס? איך וויים שוין מער פון איהם. לאָמיר זיך ניט נאַרען, וואָס איז היינטיגע צייטען דער מענש? אַז מי לעבּט שוין יאָ, שטראָפט גאָט. אַז מי האַלט שוין בּיים איבּערקערען די קעשענע, פאַלט אַרויס דער לעצטער זעקסער און קאַטשעט זיך און קאַטשעט זיך. צו וואָס־זשע טויג אַלץ? אין די ספרים קאָן איך ניט לייענען. איהר ווילט וויסען דעם תכלית? אָט נעמט אַ פיש און צעהאַקט איהם אַף פּיצלעך. איך זאָג אייך, סי איז גאָרניט...

ויאַזוי סי איז געקומען מיט מיין טאָכטער? גאָרניט, אַז דאָס אומגליק איז געשעהן פּלוצים. דאַכט זיך אַ געזונט ווייבּעל. דער מאַן איז אַפילו אַ ירא־שמים און אויסגעטונקט אין יחוס, אָבּער אַ נהרג־על־פּחות־משווה־פּרוטה. וויים איך, מי זאָגט, איהר איז דאָס געקומען פון אַ קימפּעט, דאָס הייסט, דאָס קינד האָט זיך בּאַלד אָבּגעטראָגען. אַז שלמה־המלך האָט געזאָגט: ורחמיו־על־כל־מעשיו. מילאָ קראַנק זיין פאַרשטעה איך, אָבּער אַזוי זיך מוטשען! מיר

ביידע, איך און מיין ווייב האָבען שוין ניט קיין כחות. ער איז אַוועקגעפאָרען און לערנט זיך דערווייל שחיטה. וואָס־זשע זאָלען מיר טון: פאָרט אַ טאָכטער, אַ צער־בעלי־חיים.

וואָס־זשע וויל איך פון אייך? אַנ'עצה וויל איך אייך פרעגען. פאַרשטעהט איהר, ביז פון העמר קענען מיר אונז אויך ניט אויסטון, סי זענען דאָ נאָך קינדער... מי זאָגט, סי זענען דאָ הייזער, וואו מי נעמט אַזוינע אָן, עפּעס אין וויניצע, ווייס איך. סי איז אַוודאַי אַ ווייטאָג. אַ טייל זאָגען, פאָרט מיט איהר קיין אָדעס.

איך וויל אייך עפּעס זאָגען, אַז דער מענש גיט אַ טראַכט, האָט ער ניט וואָס צו פאַרלירען, סיי אַף דער וועלט, סיי אַף יענער וועלט. אַז מי זיצט דאָ אָב די יאָרען אין קרענק, וואָס־זשע איז די פּעולה פונ'ם גאַנצען? זיך אָבגעמוטשעט, נישטאָ קיין געלד, נישטאָ קיין נחת פון קינדער און נאָך אַזוינע עגמת־נפשן. וואָלט איך איהר געוועזן חתונה געמאַכט מיט אַ פּראָסטען יורען, — אַף השגחה זאָל מען ניט רעדען. אָבער איך זאָג אייך, אַלע די, וואָס זיי זענען גאָט־אין־ציצית, זענען גוט פאַר זיך, פאַר איירעמס זאָל זיי קיין יור ניט קענען...

## דער בעל־מחבר

אַז איהר וואָלט געווען אַ גוטער, וואָלט איהר מיר דער־קלערט דעם ענין פון גלגלים. די זון איז דאָ ביי טאָג, די לבנה ביי נאַכט, די שטערען זענען גאָר אָהן אַ שיעור...

אַמאָליגע יאָרען זענען די גדולים געווען גרויסע תּוכנים, די היינטיגע לומדים קאָנען קוים חשבון. פאַרוואָס געהט רעגען, פאַרוואָס וואַקסט דאָ ווייץ און דאָ קאָרן? אָ דאָס איז טאַקי דער ענין פון דער טבע. און אַלע זשוקלעך און משה־רבינוס־פערדעלעך, וואָס זיי קריכען אַרום, צו וואָס טויגען זיי? אַלע חכמות משיג צו זיין איז גאָר ניט פאַר אַ ילוד־אשה. טוט מען זיך אַריין אין די ספרים, זעהט מען, אַז זיי אַלע זענען געווען די גרויסע בעלי־מוחות און מענשען מיט קעפּ. זאָגט מיר, איך בעט אייך, איך האָב געהערט, אַז איהר האָט אויך געשריבען ספרים, איהר זענט דאָך אָבער גאָרניט פרום: אונזערע חכמים האָבען אַלע געהאַט רוח־הקודש און אַז זיי האָבען עפּעס געזאָגט, איז דאָס געווען, ווייל זיי האָבען געהאַט דעם ווייטען קוק... וואָס־זשע וויל איך מיך מיט אייך מישב זיין? עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו מאַכען אַ ספרל אַף חקירה. אַז איהר וואָלט געוואָלט דאָס איבערלייענען! דרוקען קענט איהר עס אַוודאַי ערגעץ אין ווילנע, צי אין בערדיטשעוו. אַז בסך־הכל, טראַכט איך בייַ מיר, אַז דו וועסט דאָס אָבדרוקען, קאָנסטו נאָך אַריינ־פאַלען אין גאוה. אָבער ציקאַווע איז טאַקי צו זעהן פון זיך אַ ספרל. אַנ׳אַנדערן וואָלט איך עס ניט געזאָגט, אייך — יאָ. מיינט איהר, אַז בייַ אונז אין שטעטעל פאַרשטעהט אימיצער עפּעס, חאָטש אַ שטיקל אבן־עזרא צי אַ רד״ק — אָסור!

זאָגט מיר, איך בעט אייך, איהר וואוינט דאָך אין בערלין. מילאָ, די יודען רעדען דאָרטען דייטש. אָבער די גוים,

וואָסער לשון רערען זיי? איז בײַ זיי אויך אַלץ אַף רוסיש? וואָס בײַ מיר בלײַבט אַ קשיה, איז, וואָס דאָרט זענען אויך די גוים מחבר ספרים. מילאָ אין דעם רמב״מס צײַטען זענען געווען די טבעיים, אַריסטו למשל. אָבער הײַנט? — אַז איהר וועט איבערלייענען מײַן ספרל וועט איהר זעהן, וויאַזוי איך טײַטש אויס דעם פּסוק: כּאיל־תּערוג־על־אפיקי־מים. טאָמער, מיינט איהר, איך וויל עס דרוקען אָהן הסכּמות? אַז איהר וואָלט ניט געווען אינגאַנצען פון זייערע לײַט, וואָלט איהר מיר געקאָנט עפּעס אופשרײַבען. וואָס־זשע האַרט מיך אײַער דאָקטאָר? פאַר מיר זענט איהר נאָך עד־היום יוסעל־דעם־רבס.

## איציקעל

איציקעל בין איך, איציקעל וואָלפס, דאָס הייסט איציקעל האָט געהייסען איהר טאַטע, מײַן ווײַבס. איהר הערט מיך? ווי איך בין אַ יוד מיט בּאָרד און פּאות, אַז איך האָב אײַך רב יוסעל דערזעהן, האָב איך מיך אָנגעהויבען צו שלאָגען אָשמנו. אַז מי זעהט איינעם ערשט נאָך צען יאָר, מוז מען דאָך מאַכען אַ בּרכה, איז דאָס ניט אַזוי? אָקערשט מיינט איהר, איך בין אַ פּראָסטאַק און פאַרשטעה גאָרניט אין דעם; אַז איך אָבער לאָז מיך צו צו אַ מענשען, האָט ער פון מיר הנאה. ווייסט איהר, אַז איהר זענט ניט געווען אינ־דערהיים האָט מיך אַ פור איבערגעפאָרען; אַ יאָ, מי עלטערט

זיך. אַז איהר דערמאָנט זיך גאָרניט וועגען מיר, חידושט מיך אַפילו. איהר זענט אַפּנים שוין פון זייערע, ווייט מאַכט ווייט. אַ שטייגער וואָלט איך געוואָלט וויסען, וואָס זענען בּיי אייך די עסקים אין יענע לענדער? יורען זענען דאָך דאָרטען אויך פאַראַן. ווי הייסט, פאַרוואָס זאָלען דאָרט ניט זיין קיין יורען? אַז בּרוך־השם זענען מיר אַלע אינאיינעם. איך זעה, איהר קוקט מיך אָן און גלייבּט מיר ניט. פרעגט בּיי אייער טאַטען אַף מיר. כ׳לעבּען, אַז איך זאָג, איז געזאָגט, און אַז איך רעד, איז גערערט. וואָס וויל איך רען פון אייך, קענט איהר ראָטשילדען? טאָמער וואָלט ער מיר געגעבּען שי״ן קערבּלעך, ניט אַף אייבּיג נאָר אַף אויסצוצאָלען. אַז ער האָט ממון־קורח, און איך האָבּ גאָרניט. אַז ער נעמט זיך אָן פאַר אַלע יורען, איז פאַרוואָס פאַר מיר ניט? איציקעל איז טאַקי איציקעל און זיין נשמה איז אויך ניט פון קלאָטשע. אַז איהר וואָלט מיר דאָס אופגעשריבּען.
— טאָמער נעמט ער מיך אַהין קיין אַרגענטינע. אַז פאָרען פאָר איך בּאַלד, ווי איך שטעה און געה. זאָגט מען מיר האַק האָלץ, האַק איך האָלץ; טראָג שטיינער, טראָג איך שטיינער; אַבּי פאַרדינען. זעהט איהר, איך טראָג אַ קאַפּאָטע פון צוואַנציג גראָשען אַנ׳אַרשין שוין יאָרען, מער בּאַדאַרף איך ניט פאַר זיך; מפרנס זיין דאָס ווייבּ, דאָס יאָ, צו געבּען די קינדער בּרויט, יאָ. וואָס האָבּען זיי גע־זינדיגט? ניין, איהר ווייסט ניט, ווי מי לעבּט אַצינד בּיי אונז. —

## אַף הוצאות

אַז איך וואָלט געווען אַליין אַ בעל־הבית, וואָלט איך אפשר געווען אַביסעל בעסער; אָבער אַז מי איז ביי דער שוויגער, צוויי מכשפות אין איין שטוב, זי און מיינע! — טאָמער מיינט איהר, איך טו ניט אַקוראַט, וואָס זיי ווילען, צי גאָר ליידיג געהן. גלייבט מיר, איך טו אַלץ און גיב אַף אַלץ אַכטונג, אָבער געה, טרעף זיי צו! אַנ'אמתער בלבול, זאָג איך אייך, ערגער ווי ביים ערגסטען מלמד אין חדר... קינדער האָט מען עטליכע. ביי אילעמען בין איך די ניאַנקע. ברכות לעגט מען אין מיר אַריין געגוג. אַ רוח אין ריין טאַטען און אין ריין טאַטענס טאַטען. אויס־געריסען זאָלסטו ווערען, פאַרשרפעט זאָלסטו ווערען, המגס מפלה זאָלסטו האָבען; זאָלסט ריר צעברעכען העגר און פיס און זאָלסט געהן אַף קוליעס. איך זאָג אייך, דאָס איז נאָך גאָרניט. אַז זיי הייבען אָן צו שעלטען, געהט עס ווי אַ זאַווערוכע, אַף קיין יורישע שטוב ניט געזאָגט געוואָרען; אַז מי האַלט דאָס אויס, איז מען שטאַרקער פון אייזען.

כ'בעט אייך, רב יוסעל, טאָמער וואָלט איך אַוועק אין יענע מקומות? דער באַראָן הירש, לעבט ער נאָך? די ציונים טון אויך עפּעס? דאָס איז אָבער אַ מין זאַך, וואָס מי שטעלט דערביי איין דאָס לעבען. געלד גיבען זיי? אַז ניט געלד, טאָ וואָס רען? זענט איהר פון זייערע, איך וואָלט געוואָלט מיט אייך שמועסען. מאַנטיפיאָרי, זעהט איהר, דאָס איז

געווען אַ ראַיעלע זאַך, רעמאָלט צו ניקאָלאַים צייטען, היינט פאָרט רער עולם קיין אַמעריקע. אַז איהר וואָלט געווען אַ גוטער, וואָלט איהר ביי זיי געקענט פועלן, אַז זיי זאָלען מיר געבען אַף הוצאות. די מכשפות וואָלט איך געלאָזען ראָם בעטגעוואַנר און וואָלט זיי גענעבען אַף אייביג אַ פייג...

# פּוּנים האַרצען

# פונ'ם האַרצען

## קינדער

וואָס איך האָב אויסגעליטען, קאָנט איהר אייך גאָרניט אויסמאָלען. איהר ווייסט ניט, וואָס דאָס הייסט אויסהאָרעווען אַ זון, און געבוירען האָב איך איהם מיט אַ שווער געמיט, און דערנאָך, אַז דו מיינסט, אָט־אָט און דו דערלעבסט שוין פון איהם נחת, געהט ער אַוועק אָן אַ זייט... אַמאָל פלעגטען חאָטשי אַזוינע ווערען אפיקורסים. אין ספרים האָבען זיי געקוקט אַלץ ווי די אַנדערע. נאָר זענען דאָס געווען אַנדערע מיני ספרים. מילאָ, דאָס איז אויך ניט גוט. בין איך דאָך אָבער אַ מאַמע; איך ווייס, אַז ער קומט און טאָלקאָוועט מיר אָן און זאָגט מיר: די נייע ספרים מעג מען אויך גלייבען, זיי זענען דאָך געשריבען פון גרויסע מענשען מיט אַ וואַזשני שכל און ניט גלאַט פון פוסטעפּאַסניקעס. אַצינד אָבער איז די גאַנצע אפיקורסות קעגען דעם גובערנאַטאָר, און איהר ווייסט, מיט וואָס דאָס שמעקט... האָב איך מיך ביי איהם געבעטען רחמים: נשמה'ניו, האַרצעניו, מיש זיך ניט און וויל ניט מאַכען בעסער די וועלט. אָבער ער זאָגט, איך וויל זיך אומבּרענגען פאַר'ן רוב, געהסט דו ניט מיט מיר, ביסטו ניט מער מיין מאַמע. מאָלט אייך אויס מיין שרעק, אַז איך דערהער אַזעלכע רעד. איך מיין, ער איז אַראָב פונ'ם זינען.

עפּעס אַ מין פֿאַרישניע פֿלעגט קומען צו איהם, אָבגעשאָרען די האָר און אַ כּעסנטע. אַז זי האָט גערערט וועגען גובערנאַטאָר, האָט זי געקלאַפּט אין טיש. זייערע רעד איז גאָרניט געווען צו פֿאַרשטעהן און תּמיד הער איך די טשורנע ווערטער: מעקאָמיע, קאָנאָמיע. און גאָרניט די טבע פֿון אַ מיידעל מיט אַ יונגעל... דערנאָך איז מען געקומען און מי האָט ביי מיר אופגעריסען די פּאָלען. געפֿונען האָט מען נאָך אַ פּאָר ביכלעך און בלעטער, אָבער ביידע האָט מען אַוועקגענומען. אימת־מות איז אַף מיר געפֿאַלען. איהר טאַטע, אַ כּהן און אַ שטילער כּעסן, איז געוואָרען קראַנק. איך אַליין בין געפֿאָרען זיך סטאַרען, געפֿאַלען בין איך זיי צו די פֿיס און זיי געקושט די הענד: לאָזט מיר אַרויס מיין זון.

נאָך זעקס חדשים האָט מען טאַקי איהם אַרויסגעלאָזען. דאָס מיידעל נאָך פֿריער, איהר וואָלט געזעהן, ווי זיי ביידע האָבען אויסגעזעהן. זיך איבערגעביטען דאָס פּנים און די אויגען אַריין טיף אין קאָפּ, דאָס מיידעל האָט מען אַוועקגעפֿירט צו אַ קרובֿ. איך ווייס ניט, וואָס פֿון איהר איז געוואָרען. מיין זון קרענקט און איך מוז מיט איהם פֿאָרען זאַגראַניצע דאָקטערן זיך. אויב איך קען, צי ניט, איך מוז...

## דער נייער דור

שטעלט אייך פֿאָר מיין צער און מיין עגמת־נפֿש. איין זון, דאָס גאַנצע לייב־און־לעבען, און טוט מיר אָן אַזוינע צרות. איך האָב מיך ביי איהם געבעטען, ווי ביי אַ גזלן: וואָס

האַרט ריך, אַז זיי שלאָגען זיך דאָרט אַרום? אָבער ער זאָגט: מאַמע, דו פאַרשטעהסט דאָס ניט. מיר זענען דער נייער דור, מיר מוזען געהן מיט קולאַקעס און מאַכען אַ נייען טאָלק. ביי אונז טאָר ניט זיין קיין חילוק צווישען אָרים און רייך, צווישען יוד און גוי, אַלע מענשען זענען גלייך! איהר הערט ווערטער? און דאָס זאָגט ער ניט, ווייל סי איז אַזוי געדרונגען פון דער תּורה; פאַרקערט, ער האָט פיינט די תּורה, ער האָט פיינט יודישקייט, און חאָטשי ער זאָגט מיר דאָס ניט און שאַנעוועט מיך, וויים איך דאָס. ער וואָלט אפשר אַליין גאָרניט געווען געגאַנגען אין די דרכים, אָבער אַז ער קומט זיך צונויף מיט זיינע חברים, נאָך אַזעלכע יונגען און זיי לייענען אינאיינעם אַזוינע מיני ביכלעך, וואָס דאָרט ווערט אויסגעדרונגען, אַז איטליכער, וואָס האָט מזומנע צען גילדען און גיט זיי ניט אַוועק אַף דעם כּלל, איז אַ גנב, אַז איך האָב אַ שטוב און פאַרדינג און נעם דירה־געלד, בין איך פּאָרלע־שבּפּאָרלע, און יענער, וואָס האָט געדונגען די שטוב און צאָלט ניט, איז דער צדיק. איך זאָג אייך, זיי צוהערען, וויאַזוי זיי שמועסען און מאַכען פון דער גאַנצער וועלט אַ תּל, קערט זיך איבער דער מוח. און דאָס איז ניט גלאַט גערעדט, נאָר טאַקי געטאָן: נעמען אומברענגען אַ מענשען, וואָס האַלט ניט פון זייער דרך, איז ביי זיי אַ מצוה. איך וואָלט דאָס אַליין ניט גע־גלייבט, אַז סי קענען זיין מענשען מיט אַזוינע מיני דעות און נאָך דערצו ביי יודען. וואָס איך האָב מיט איהם אַלץ

צעטענעט אין געוויינט, געפּרובט מיט גוטען און מיט בייזען! אַז ער זאָגט מיר, אַז זיין זאַך איז איהם טייערער פון זיין איינענער מאַמען... זאָגען זאָגט ער: אַז איך האָב דיך ליב, איז דאָס גאָר ענגאָאיזם און דאָס איז די טבע פון איטליכען באַשעפּענעש; אָבער דער מענש מוז זיין פריי... אַז איך און ער רעדען מיר גאָר אַף צוויי באַזונדערע לשונות, איך הייב ניט אָן צו פאַרשטעהן, וואָס ער טאָלקעוועט מיר און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז די אמתע משוגעת.

מילאָ, אַז דאָס האָט זיך אַלץ נאָך אָבגעטען אין שטוב, האָב איך זיך געהאַלטען. וואָס זאָל אַ מאַמע טון, אַז איהר קינד איז אַראָב פונ'ם דרך־הישר? סי איז פאָרט איהר קינד און האָט געוויינען פון איהר ברוסט...

אָבער דערנאָך האָט זיך דאָס אָנגעהויבען ביי זיינע חברים און ביי די טאַוואָרישטשעס. דערנאָך זענען געווען נעכט, וואָס ער פלעגט ניט קומען אַהיים... אַמאָל זענען זיי געקומען שפּעט אין דער נאַכט און האָבען עפּעס פאַרגראָבען אין קעלער... איהר קענט אייך אויסמאָלען, ווי מיר איז געווען אַפּ'ן האַרצען. געזאָגט האָב איך צו מיר, דאָס וועט ניט האָבען קיין גוטען סוף. און כּך־הוה! אין אַ מיטוואָך זענען געקומען דריי סאָטסקים און האָבען אָנגעהויבען צו זוכען. איהר האָט געדאַרפט צו זעהן, וויאַזוי זיי האָבען געזוכט. אַריינגעקוקט אין איטליכס ווינקעלע און אַלץ דורכגעטאַפּט, וואָס זיי האָבען נאָר געזעהן. דערנאָך זענען זיי געגאַנגען אין קעלער, איך האָב זיי נאָך געמוזט האַלטען דאָס ליכט...

אַ גאַנצען דרוק האָבען זיי געפונען און ביכלעך און גע־דרוקטע פּאַפּירען. מיין זון האָבען זיי געשמידט אין קייטען און מי וויל מיר ניט זאָגען, וואָס סי וועט זיין מיט איהם.

איהר ווייסט ניט דאָס הארץ פון אַ מאַמען. איך וועל שיר ניט משוגע פון ווייטאָג און פון צער. פאַרוואָס מוז דער גורל פאַלען גראָד אַף מיין זון? איז דאָס נאָך קאַרג פאַר יודען, אַז זיי זענען פון תמיד אָן אין גלות, מוזען זיי זיך נאָך אָנ־הייבען מישען און נעמען אַף זיך אַזוינע פּעק... זאָגט מיר, וואָס זאָל איך טון? וויאַזוי קען מען אַרויסנעמען מיין זון? גאָ־טוניו, וואָס האָסט דו מיך אַזוי געשטראָפט?

זי וויינט.

## עקשנים

יאָ, מיט קינדער האָט מען ביי אונז אַ סך צו זינגען און צו זאָגען. איהר ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ דור סי איז היינט געוואָרען. איך בין אייך שוין מוחל, אַז זיי זענען קליגער פון טאַטע־מאַמע און זיי קענען אַלץ און ווייסען אַלץ; אָבער זיי זענען גאָר קליגער פונ׳ם מיניסטער אַליין, און אַז מי וואָלט זיי אָוועקגעבען די ממשלה, וואָלטען זיי אַלץ געמאַכט אַ סך בעסער... ווער רעדט היינט פון משה־רבינוס תורה, צי פון דער גמרא. וואָס זנאַטשעט ביי זיי די גאַנצע יודישקייט קעגען רעם, וואָס סי שטעהט אין זייערע ביכער... און עקשנים זענען זיי און בעלי־גאוה׳ס, דאָס קענט איהר אייך גאָרניט אויסמאָלען. פּרובט זיי זאָגען אַ וואָרט,

פּרובט זיך צו מישען אין זייערע עסקים, וועלען זיי אייך אויסדראַפּען בּיידע אויגען. דער נגיר — זאָגען זיי — ציהט אַרויס דאָס בּלוט פון אָטליכען. אַ־וואָס, ער פאַרדינט? דאָס איז אַלץ מאָשענסטוואָ! און דער, וואָס טראָגט וואַסער, איז אַ סך לייטישער פונ׳ם גביר. די קעכין מוז געהן שיין אָנ־געטון און פון דער נגידיסטע מוז מען אַראָבּרייסען די צירונג און זי נאָך גוט אויספּאַטשען. איהר הערט ווערטער!

אַנ׳אַלמנה ווי איך בּין, בּין איך מיר געזעסען אין קלייט און האָב שווער געאַרבּעט און אַז איך האָב זיי אופגעהאָרעוועט, האָט זיך בּיי אונז אָנגעהויבּען אַ צייט מיט שקאָלעס און מיט לערערס. איך אַליין אין האַרצען האָב דאָס ניט געוואָלט, אָבּער זאָלען לייט ניט זאָגען, אַז איך וויל ניט, אַז מיינע קינדער זאָלען זיין געלערנטע; און געטראַכט האָב איך מיר, אַז ער, דער מאַן מיינער, וואָלט געלעבּט, וואָלט ער אפשר אויך געהאַלטען מיט זיי, וואָרום איהם האָט דאָס אַבּיסעל געצויגען צו די היינטיגע. מילאָ גוט, לערנט אייך קענטגישען. דאָס הייסט, טאָג און נאַכט זיצען אין קלייט און צאָלען: צאָלען שכר־לימוד, צאָלען לערערס, צאָלען פאַר בּיכער, צאָל פאַר׳ן מונדיר.

מילאָ לערנט און לאָזט מיך לעבּען. האָב איך אַ יונגעל פון זעכצען יאָר, אַ פּייערקאָפּ איז דאָס, מסוכּן־נפש, און וואָס ער זאָגט, בּרענט אין איהם, און אַלץ פּונקט קאַפּויר ווי בּיי אַ מענשען איז דער גלאַטער שכל. מאָלט אייך אויס, אַז איך האָב זיך געקרינגט מיט׳ן משרת, אַ פּאָדלער מענש, וואָס איך האָב איהם אויסגעהאָרעוועט פון דער צייט,

אַז ער האָט נאָך ניט פֿאַרשטאַנען פֿון דאַנען אַהין, און אַצינד לקחענט ער. מוז ער ניט קומען, דער בכור מיינער, און זיך ניט אָננעמען פֿאַר׳ן משרת־יונג. איהר הערט אַ מעשה! איך זאָג אייך, אַז איך בין ניט אַראָב פֿון זינען, איז דאָס געווען אַ נס. אַקיצור, איך האָב פֿאַרקויפֿט אַלץ מיט כּל־וּלך און קלייב מיך אַריבער אין אַנ׳אַנדער לאַנד. מניה־וּביה האָט מען זיי אַלע אַרויסגעוואָרפֿען פֿון שקאָלע, גאָט זאָל מיר נאָר געבען כּח, אַ יורענע איינע אַליין אין מיינע יאָרען. און אַז מי האָט שוין אַביסעל געלד, איז וואָס? אָבער גערה, הייב אָן אין דער פרעמד אַ ניי לעבען!

## פון דאָרטען

אַליין בּין איך אַ נייעשטעטער, פּרום איז מען בּיי אונז ניט. און פֿאַנאַטיזם איז אויך גיטאָ. בּיי אונז זענען אַלע אופגעקלערטע. בּיי מיר אַליין געהען די קינדער אין גימ־נאַזיע. אַ ינגעל פֿון פערצען יאָר אין פערטען קלאַס, און אַ מיידעל פֿון פופֿצען יאָר אין פינפֿטען קלאַס. מיט מיינע קינדער רעד איך רוסיש. איהר קענט ניט מער רוסלאַנד. דאָס איז ניט מער דאָס לאַנד, וואָס סי איז געווען פֿאַר צוואַנציג יאָרען. בּיי אונז איז היינט אַ געבּילדערטע וועלט מיט בּיכער, און מי פֿאַרשטעהט, וואָס מי לייענט. פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע ווייס מען אויך און מי ווייס, וואָס סי טוט זיך אַף דער וועלט. איך מוז אייך זאָגען, אַז מיינע קינדער האָבען באַזונדערע ספּאַסאָבּנאָסטען.

איך זאָל זאָגען, אַז סי האָט מיר בײַ אונז עפּעס געפעלט, קען איך ניט. מיט מײַן ענערגיע האָב איך געקענט פירען אַ שטוב, און גאָט זײַ דאַנק, מי האָט געלעבט ווי לײַט. זומער־לעב פאַרנאַכט איז מען זיך צונויפגעקומען און מי איז אַרויסגעגאַנגען גולאַיען, ווײַבער און מאַנסביל אינ־איינעם.

וועט איהר אײַך וואונדערן, וואָס טו איך אַצינד און פאַר־וואָס פאָר איך אַוועק פון דאָרטען? ניט די פּאָגראָמעס און ניט די שרעקענישען האָבען מיך פאַרטריבען, נאָר מחמת די קינדער בין איך אַוועק. איהר פאַרשטעהט, מײַן לעבען הענגט נאָר אָן די קינדער, און איך אַליין, אַז איך בין נאָך געווען אַ חאָלאָסטאָי, וואָלט איך אויך געוואָלט שטורירען. זאָל איך איצט לאָזען מײַנע קינדער זיך איבערפירען פון די רעוואָלוציע, און איידער איך זאָל זײַ דערציהען, אַז זײַ זאָלען אָנקומען אין אוניווערסיטעט, זאָל מען זײַ פון מיר אַוועק־נעמען און מי זאָל זײַ פאַרשיקען? האָב איך זיך געזאָגט: ניין, מײַנע קינדער זאָלען ניט האָבען ד ע ם סוף...

✲

די צוויי מערכות ‚צרות און יסורים' און ‚חזיונות און אַנדערעס' זענען שוין געווען אַמאָל געדרוקט אין דער ערשטער אויסגאַבע פון אָט די כּתבים אים צווייטען באַנד (פאַרלאַג ליטעראַטור, וואַרשע תרע״ב). די מעשיות ‚איידעמס' און ‚דער בעל־מחבר' זענען געווען געדרוקט אין דער יודישען פאָלקסצייטונג (וואַרשע); ‚איציקעל' און ‚אַף הוצאות' זענען צוערשט דערשינען אין דעם קליינען ביכעל ‚שמועסען' (וואַרשע תרס״ג) — די ערשטען פיר מעשהלעך פון דער מערכה ‚אופצייכנונגען' און די גאַנצע מערכה ‚פונ'ם האַרצען' דרוקען זיך איצט צום ערשטען מאָל.

---

געזעצט און געדרוקט
בײַ וו. זאָמער, בערלין־שענעבערג